STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02195

DI FRUKHT FUN ZIND

Guy de Maupassant

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דיא

פּרוכט פון זינד

א רעאַליסטישע שילדערונג פון ני דע מאָפּאָסאן.

בעארבייטעט פון

ד. מ. הערמאַלין.

דרוק אונד פערלאג פון

דיא היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני,

50-52 עלדרידזש סט., ניו־יאָרק.

HEBREW PUBLISHING CO.,

50-52 Eldridge St., New York

דיא פרוכט פון זינד.

ערשטעס קאפיטעל.

דער בריעף־טרעגער מעדעריק ראמפעל, וועלכער איז געוועזן בעקאנט ביי דיא איינוואהנער פון דער אומגעגענד, אלס מעדערי, איז אוועק גאנץ פריה, צו דער געהעריגער צייט, פון דעם הויפט־פאסט־אמט אין רואי־לא־טאר.

אין זיין גרויסער לעדערנער טאש זיינען געוועזן איינגעפאקט אלע בריעף וויא אויך קליינע רעקעלעך, וועלכע ער האט בעדארפט אין יענעם טאג פער־טהיילען.

מעדעריק איז געוועזן, שוין זייט א פאאר יאהר, דער בריעף־טרעגער פון דעם שטעטעל ווילאם, אין פראנקרייך, און ער האט בעדארפט געהען יעדען טאג א היבשע שטרעקע פון דעם הויפט־פאסט־אמט ביז נאך ווילאם. איבער׳ן וועג האט ער געמוזט פאסירען נעבען דעם געהענדען טייך ברודילל, וואס האט געפיהרט אין דארף קארוועלין, וואו ער האט אויך בעדארפט אויסטהייקען בריעף.

אהנע פיעל צייט צו פערזאמען, איז ער ארויס אויף דער שטראסע און דאן באלד אויף׳ן פרייען פעלד, און אין א קורצער צייט האט ער גענרייכט דעם טייך, וועלכער איז זיך געלאפען רענעלמעסיג ברויזענדיג מיט זיינע כוואליעס.

נעבען דעם טייך זיינען געוועזן שטיינער, קליינע טהאלען און זאמד־בעטען, וואס דאס וואסער פלעגט אנווארפען, און דאס האט אביסעל געהינדערט זיין שנעלען גאנג. אויף מאנכע פלעטצער זיינען אויך געוועזן קליינע גריבער מיט וואסער, וועלכע דאס לאנגע גראז האט צוגעדעקט, אבער מעדעריק איז שוין געוועזן אזוי געוואהנט אין יענער געגענד, אז ער האט געוואוסט ענטוועדער וויא אויסצו־מיידען אזעלכע פלעטצער, אדער אריבער שפרינגען אונגעשטערט.

דאן איז ער אריין אין דעם קליינעם אבער ליעבליכען וואלד, וועלכער האט זיך אויסגעברייטעט מיט זיינע דיקע און אלטע ביימער איבער א היבשע שטרעקע.

דיא צווייגען זיינען געווען אַלע אָנגעקליידעט אין רויער זומערדיגע אוניפאָרמע פון גרינע צווייגען, און דאָ און דאָרט, האבען פייגעלעך געזונגען זייערע מאָרגען־ליעדער, וועלכע האבען אָבגעקלונגען מיט א מעלאָדישער טאַקטמעסיגקייט אין דער פרייער און פרישער לופט.

עס איז געווען א הערליכעס נאַטור־בילד, נאָר מעדעריק האט קיין זאַך געזעהען. בייא איהם אין קאָפּ איז בלויז געלעגען דער איינציגער געדאנק פון זיין אמט־פליכט, וויא אַזוי אויסצוטהייקען דיא בריעף.

„דעם ערשטען בריעף,“ האט ער געמורמעלט צו זיך אליין, „דאַרף איך אָבגעבען אין הויז פון מאַנסיע פּאַאווראָן. דאַן קום איך צו דעם רייכען מאַנסיע רענאַרדעט. פון דאָרט וועט עס שוין געהען רעגעלמעסיג.“

זיין בלויע אוניפאָרמע האט געשוועבט שנעל צווישען דיא בוימער און זיך אַלץ מעהר דערנעהנטערט צו דער בריק וואס האט איהם בעדאַרפט אריבער־פיהרען איבער דער ברונדילל. דאס איז גראָדע ניט געווען קיין בריק, זאָנדערן בלויז א לאנגעס שטיק האָלץ איז געלעגען אויף איין ברעג און איבערגעקרייצט דאס וואסער ביז צום אנדערן ברעג.

דיעזער וואלד ארום דער ברונדילל, האט געהערט צו דעם רייכען גוטס־בעזיטצער מאַנסיע רענאַרדעט, און עס האט בעדאַרפט דויערן אונגעפעהר א האלבע שטונדע ביז מען זאָל איהם דורכקרייצען.

מעדעריק איז ניט געווען מיעד פון זיין גאַנג, אָבער פערשוויטצט. עס איז שוין געווען רעכט ווארעם אָבוואָהל דיא זונן איז ניט לאַנג אויפגעגאַנגען. אין מאָ־נאַט יולי איז אימער דאָרט זעהר הייס. ער האט דערפאַר געמוזט אַרונטער נעהמען זיין היטעל און מיט דעם ארבעל פון זיין בלויען ראָק, האט ער זיך אָבגע־ווישט דעם שווייס.

ער האט זיך דאס היטעל נאָר וואס צוריק אָנגעצויגען, אלס ער איז פּלוצלינג געבליעבען שטעהן נעבען א בוים, וואו איינינע געגענשטענדע האבען צוגעצויגען זיין אויפמערקזאַמקייט. ער האט בעמערקט אויף'ן גראָז ליעגענדיג א קליינעס טאַשען־מעסער'ל, וואס קינדער טראָגען מייסטענטהיילס. ווען ער האט זיך אָנגעבויגען דאס אויפצוהייבען, האט ער אויך דערזעהען א פינגערהוט, און מיט א פּאאר שריט ווייטער, איז געלעגען א נאָדעל־טעשעל.

ווען ער האט דיעזע זאַכען אויפגעהויבען, האט ער זיך געטראַכט:
„איך וועל דאס אַלעס איבערלאָזען בייא מאַנסיע רענאַרדעט.“

אזוי דענקענדיג האט ער אַנגעפאנגען ווייטער צו געהן. אָבער ער איז ווידער געבליעבען שטעהן, גלייך וויא דאס הארץ וואָלט איהם געזאגט, ער זאָל ווייטער זוכען און ער וועט נאך עפעס געפינען.

ער האט אויפגעהויבען זיינע אויגען און געקוקט ארום זיך ווייטער. פּלוצלינג איז ער געבליעבען שטעהן און זיין גאנצער קערפּער האט אויפגעציטערט וויא אין א שרעקליכעס פיעבער. ער האט אויך ניט געקענט ווייטער געהען; זיינע פיס זיינען וויא צוגענעגעלט געוואָרען צו דער ערד.

דיא אורזאכע איז געוועזן פאָלגענדע: מיט א צעהן שריט ווייטער, איז גע־לעגען, אויף'ן גראָז, דער פאָלשטענדיגער נאַקעטער קערפּער פון א קינד.

עס איז געוועזן דער קערפּער פון א מיידעל, וועלכע האט געקענט אַלט זיין א יאָהר צוועלף אָדער עפעס מעהר.

זיא איז געלעגען אויף'ן רוקען מיט דיא הענד און פיס צושפּרייט. אביסעל פערטריקענטעס בלוט האט זיך געוויעזען אויף דעם ניעדריגען טהייל פון איהר קערפּער, און איהר געזיכט איז געוועזן בעדעקט מיט א האנד-טיכעל.

מעדעריק האט ענדליך געפאסט מוטה און אַנגעפאנגען צו צוקומען נעהנטער. ער איז געגאנגען אויף דיא שפּיטץ פינגער, גלייך וויא ער וואָלט מורא געהאט, אַז ער וועט יעמאנדען אויפוועקען אָדער שטערען. זיינע אויגען זיינען געוועזן שטארק אויפגעריסען מיט ערשטוינען און שרעק.

„וואס זאָל דאס זיין?" האט ער זיך געפרעגט, „זאָל זיא שלאָפען? יא, יא, געוויס, זיא שלאָפט!"

דאַן האט ער אַנגעפאנגען זיך צו ערקלערען, אז אזא קינד, איבערהויפּט גאנץ נאקעט, וועט זיך ניט לייגען שלאָפען גאנץ פריה אויף'ן גראָז אין מיטען וואַלד.

„זיא איז טויט!" האט ער געמורמעלט, „און איך זעה דאָ פאר מיר דיא טהאט פון א מערדער!"

בייא דיעזער אידעע איז געלאָפען איבער זיין לייב איין אייזקאַלטער שווידער, אונגעאכטעט דארויף וואס ער איז געוועזן א סאָלדאט און געשמעקט פּולווער אין דער מלחמה.

א מאָרד און נאך דערצו א קינדער־מאָרד, איז געוועזן אזא זעלטענהייט אין יענער רוהיגער געגענד, דאס ער האט זיך זיינע אייגענע אויגען ניט געוואָלט טרויען.

אָבער עס איז דאָך געווען א טהאטזאכע.

דאס ערמאָרדעטע קינד האט קיין איינציגע וואונדע געהאט, אויסער דאס ביסעל בלוט וואס האט געקלעפט צום ניעדריגען טהייל פון איהר קערפער.

„ווי אזוי האט מען זיא ערמאָרדעט?" האט זיך מעדעריק געפרעגט.

גאנץ נאהענט נעבען איהר איז ער געבליעבען שטעהען, און אָנגעלעהנט אויף זיין שטעקען, האט ער בעטראכטעט דאס טויטע־קינד.

„געוויס קען איך זיא," האט ער זיך געטראכט, „ווייל איך קען יעדעס קינד פון דער אומגעגענד."

אָבער אזוי וויא ער האט איהר געזיכט ניט געקענט זעהען, האט ער ניט גע־קענט וויסען איהר נאמען. ער האט געקוקט אויף דעם האנד־טיכעל וואס האט צוגעדעקט איהר געזיכט, און ער האט עס געוואָלט אויפהייבען. ער האט זיך אָבער באלד צוריק געהאלטען.

ער האט זיך דערמאָהנט, אז ער, אלס פריוואט מענש, האט קיין רעכט זיך אריינצומישען מעהר וויא נעטהיג, אין אזא זאך, איידער דיא פאסענדע בעאמטע האבען געמאכט דיא נעטהיגע אונטערזוכונג.

ער האט זיך פאָרגעשטעלט דיא בעאמטע פון דער גערעכטיגקייט, וויא א גענעראל וואס וויים אלעס, און ער ענטדעקט גראדע אזוי גוט א פערלוירענעם קאָפּ וויא א שטאָך מיט א מעסער אין בויך.

אונטער דיעזען טאשענטוך, האט ער זיך געטראכט, וועלכעס בעדעקט דאס געזיכט פון דער טויטער, געפינט זיך פּאָזיטיוו עפּעס א בעוויז וואס וועט שוין נאכהער פיהרען אויף דער שפור פון דעם מערדער.

ער האט דאן געפּאסט א פעסטען בעשלוס: ער מוז זאָפאָרט געהן צו דעם רייכען גוטס־בעזיטצער רענארדעט און איהם אָנזייגען איבער זיין ענטדעקונג. אָבער וויא ער האט זיך נאָר געוואָלט אָבווענדען צו געהען, איז איהם אריין א גע־דאנק אין קאָפּ.

„פיעללייכט לעבט זיא נאך?" האט ער זיך זעלבסט געפרעגט. „ווען זיא לעבט, דאן איז מיין פליכט זיא ניט צו פערלאָזען!"

גאנץ פאָרזיכטיג האט ער געמאכט א שריט פאָרווערטס, ניעדערגעקניעט און אויסגעשטרעקט זיין רעכטע האנד, מיט וועלכער ער האט בעריהרט איהר נאקעטען פוס.

דער פוס איז געווען קאַלט ווי אייז — ער האט אין זיך בעזעסען יענע קאַלטקייט, וואס טויטעט פלייש בעזיטצט, און צייגט פּאָזיטיוו, אז יעדער צייכען פון לעבען איז פערשוואונדען.

דער בריעף־טרעגער, לויט וויא ער האט שפּעטער דערצעהלט, האט גע־פיהלט, וועהרענד דער בעריהרונג, אז זיין הארץ איז געבליעבען שטיל און דאס שפּייעכץ אין זיין מויל האט זיך אויסגעטריקענט.

ענדליך האט ער געפּאַסט מוטה, אויפגעשפּרונגען פון דער ערד, און אָנגע־פאַנגען צו לויפען אזוי שנעל וויא זיינע פיס האבען איהם געקענט טראָגען, אין דער געגענד פון מאָנסיע רענאַרדעט.

דיא שווערע לעדערנע בריעף־טאַשע האט איהם אפילו געשטערט, אָבער ער האט זיך אָנגעשטרענגט קיין אויגענבליק צו פערזאַמען.

צווייטעס קאַפּיטעל.

דיא וואָהנונג פון דעם רייכען גוטס־בעזיטצער ענאַרדעט איז געשטאַנען אקוראַט ביים ענדע פון וואַלד. דער וואַלד האט אויסגעזעהען וויא א ריעזיגער גאַרטען צוגעבויעט ספּעציעל צו זיין שעהנער וואָהנונג. אפילו דער טייך ברונדילל האט אויך געמאַכט דעם איינדרוק, אז זיא איז דאָרט איינגעריכטעט געוואָרען נאָר צוליעב רענאַרדעט'ס הויז.

דיא געביידע איז געווען גרויס און פּיער־עקיג, עררייכטעט פון אור־אַלטע גרויסע שטיינער. עס איז קיין צווייפעל געווען, אז דיעזע מעכטיגע געביידע, האט ניט נאָר איינמאָל, אין דער פערגאַנגענהייט, געדיענט אַלס פעסטונג פיר בע־לאַגערטע, און פון אויבען, דאס הייסט, פון דעם הויכען טהורם האבען דיא בע־לאַגערטע געוויס אַרונטער געשליידערט טויטע און פערדערבען איבער זייערע אנגרייפער.

דער טהורם איז געווען עטוואס איבער 20 מעטער הויך און געבילדעט א גוטען פּלאַטץ פיר פערטהיידיגונג. איבריגענס איז עס אויך מעגליך, אז דער טהורם איז אויך ספּעציעל געבויעט געוואָרען אום פון דאָרט קריעג צו פיהרען.

שטעהענדיג אויף דיעזען טהורם, האט מען גאַנץ גוט געקענט זעהען דיא גאַנצע שעהנע געגענד ארום. דער טהורם האט זיך גערופען דער פוקס־טהורם, אָהנע מען זאָל וויסען דיא גענויע אורזאַכע וואַרום.

פון דעם טהורם, האט מען בעהויפטעט, האט שוין אויך געשטאמט דער נאמען רענארדעט.*) דיעזע פאמיליע האט שוין דארט געוואהנט זייט דיא לעטצטע 200 יאהר, נאר עס איז זיכער געווען, אז נים דער טהורם הייסט נאך דער פאמיליע, זאנדערן דיא פאמיליע רופט זיך נאך דעם טהורם. דאקומענטען האבען עס דייטליך בעוויעזען, אז נאך פאר דער צייט האט זיך דער טהורם גערופען פוקס-טהורם.

אבער וויא דיא זאך איז, האבען נים פיעלע דאריעבער געוואוסט, און דיא פאמיליע רענארדעט האט זעהר שטאלצירט אויף איהר אלטען נאמען, און אין דער געגענד זיינען זייא געווען פעררעכענט אלס עדעל-לייט, וועלכע האבען א טיכטיגען אנטהייל גענומען אין דער געגענד, נאך איידער דיא רעוואלוציאן איז פארגעקומען אין דיא פראווינצען.

אלזא, צו דיעזער אלטער אבער מעכטיגער געביידע, איז דער בריעף-טרעגער צוגעלאפען שטארק פערסאפעט, און איז אריין אין קיך, וואו מען איז גראדע געזעסען ביים עסען.

ער האט אויסגערופען:

„איז מאנסיע רענארדעט שוין אויפגעשטאנען? זאגט מיר וואו ער איז, וויל איך מוז מיט איהם זאפארט רעדען!"

יעדער האט געוואוסט, אז מעדעריק איז געווען א וויכטיגע פערזענליכקייט, און דערצו א מענש וואס בעלאנגט צו דער רעגיערונג. מען האט אלזא באלד פערשטאנען, לויט נאך זיין אויפטריט, אז זעהר וויכטיגעס האט פאסירט.

איינער פון הויזגעזינד האט זיך גלייך אויפגעהויבען פון נעבען טיש און איז אריין צו מאנסיע רענארדעט און איהם מיטגעטהיילט איבער דעם בריעף-טרעגער'ס אויפרעגונג, וועלכער פערלאנגט מיט איהם זאפארט צו רעדען.

„זאל ער אריינקומען," האט מאנסיע רענארדעט בעפוילען אהנע אויסצוזעהן שטארק פעראינטערעסירט.

דער בריעף-טרעגער, בלייך און אטהעמדיג שווער, מיט דעם היטעל אין דער האנד, איז ערשיענען אין רענארדעט'ס שרייב-צימער, וואו רענארדעט איז געזעסען נעבען א טיש פערלעגט מיט גרויסע הויפענס פאפירען.

---

*) א פוקס הייסט אין פראנצויזיש Renard, און Renardet הייסט א פיקסעל. דער איבערזעטצער.

רענארדעט איז געווען א דיקער, גרויסער און שטארקער מאן; עטוואס צו לאנגזאם אין זיין בעוועגונג און רויט אויף זיין געזיכט. אונטערדעסען איז ער געווען בעקאנט אין דער גאנצער געגענד פאר א ריעזען שטארקען מענשען, און מען האט נאכדערצעהלט, אז ער האט געקענט פערטומלען איין אָקס פון זיינעם א פויסט־שלאג. טראָטץ דעם אלעמען אָבער, איז ער געווען זעהר א גוטער מענש און יעדער האט איהם ליעב געהאט.

ער איז אלט געווען א יאָהר פערציג און איז געווען איין אלמן זייט 6 מאָנאט. ער האט געלעבט וויא פיעלע אנדערע גוטס־בעזיטצער, אויף זיין לאנד און דאס אליין פערוואלטעט.

אין זיינע איינגערע יאָהרען, איז ער אמאל געווען זעהר איין אויפגערעגטער מענש. פאר א קלייניגקייט האט זיין בלוט אויפגעקאָכט און וועה דעם, וואס איז איהם דאמאלס געשטאנען אין וועג. ער האט ניט נאָר איין מענשען געמאכט פאר א קאליקע אין זיין יוגענד, אָבער דיא מענשליכע נאטור ענדערט זיך. און מיט דיא עלטערע יאָהרען, איז אויך געקומען בערוהיגונג, אָבער אנשטאט דעם וואס ער האט זיך שוין ניט בעדיענט מיט זיין קערפערליכע קראפט, האט ער אויסגענוצט זיין גייסטיגע פעהיגקייט און זיך געשטירצט אין דער פּאָליטישער וועלט, וואו ער איז געוואָרען א גאנצער תקיף.

זאָנסט איז מאָנסיע רענארדעט געווען א גאנץ אנשטענדיגער בעל־הבית, א גוטער ברודער און א גאנץ עהרליכער מענש.

ווען ער האט ערבליקט דעם בריעף־טרעגער, האט ער אויפגעהויבען זיינע אויגען, און אין א גאנץ פריינדליכען טאָן, האט ער געפרעגט:

„וואס איז נייעס, מעדעריק, וואס האט פּאסירט?"

„אי.... איך...." ווייטער האט ער ניט געקענט רעדען.

רענארדעט האט ארויס גערוקט זיין שטוהל און אויסגעזעהען זיך מעהר צו פעראינטערעסירען.

„בערוהיגט זיך, מעדעריק," האט ער געזאגט, „און דערצעהלט מיר."

רענארדעט האט אויסגעזעהען זיך צו וועלען אליין בערוהיגען וועהרענד ער האט דיעזע ווערטער געשפּראָכען.

„אין וואלד, אין אייער וואלד," האט מעדעריק ארויס געשטאמעלט, „האב איך געפונען א מיידעל ערמאָרדעט."

רענארדעט'ס געזיכט איז נאך רויטער געוואָרען וויא געוועהנליך, און זיך בעהעררשענדיג, האט ער געפרעגט, אזוי רוהיג וויא נאָר מעגליך פאר איהם:

„וואס זאגט איהר? א קליינע מיידעל? ערמאָרדעט? וואו? אין וואלד?"

„יא, מאָנסיע, אין וואלד. א קליינע מיידעל, זיא איז מוטער־נאקעט; זיא ליעגט אויף'ן רוקען בעפלעקט מיט בלוט, טויט, ערמאָרדעט."

רענארדעט האט נאכגעדענקט, דאן האט ער אויסגעזעהען מוטה צו פאסען און אויסגעשריען אין איין אונגעוועהנליכען מונטערן טאָן:

„צום טייפעל! איך ווייס, אז איך ווייס ווער זיא איז! דאס מוז זיין דיא קליינע ראָקע! אָט האט מען מיר נאָר וואס מודיע געוועזן, אז זיא איז פערשוואונ־דען געוואָרען זייט נעכטען אבענד. און זייט דאמאלס, האט זיא נאך ניט צוריק געקעהרט צו איהר מוטער. אָבער ערמאָרדעט? טויט? ווער האט זיא געקענט ערמאָרדען? דאס איז מערקווירדיג. וואו זאגט איהר, האט איהר זיא געפונען? דאס הייסט, וואו ליעגט זיא יעטצט?"

דער בריעף־טרעגער האט גענוי אָבגעשילדערט און בעצייכענט דיא שטעלע מיט אלע איינצעלהייטען וואס ער האט ענטדעקט. צום שלוס פון דיעזער שיל־דערונג, האט עס אויסגעזעהען, אז דער בריעף־טרעגער האט גערעכענט, אז רע־נארדעט האט איהם ניט גוט פערשטאנען, און אנשטאט צו טרעפען אויף'ן ריכטיגען פלאטץ, וועט ער נאר בלאָנדזען.

„ווען איהר ווילט," האט ער געזאגט, „וועל איך אייך בעגלייטען ביז אהין."

רענארדעט האט ווידער נאכגעדענקט, דאן האט ער אויפגעהויבען זיינע אויגען און בעטראכט מעדעריק'ס געזיכט.

„ניין, ניין, ניט נעטהיג," האט ער געזאגט. „דער וואלד איז מיר בעקאנט וויא מיין הויז. אייער בעצייכנונג איז א גאנץ גוטע; איך וועל שוין טרעפען אהין. איך האב גאנץ גענוי בעגריפען אייער בעצייכנונג. דאן זעה איך, אז איהר האט נאך בריעף צום פערטהיילען. איהר טאָרט אייער אמט־פליכט ניט פערנאכלעסיגען. געהט זיך געזונדערהייט צו אייער אַרבייט. נאָר זייט אזוי גוט, געהענדיג מיט'ן וועג, זאָלט איהר מיר צושיקען דעם הויפט־וועכטער און דעם שרייבער פון דער סוב־פרעפעקטור. נו, געהט שוין, שטעהט ניט, אזא זאך דארף מען ניט פערנאכלעסיגען. זאגט דיא הערען בעאמטע, אז זייא זאָלען געהען דורך'ן וואלד גלייך מיט דער ברונדילל, און זייא וועלען מיך שוין געוויס טרעפען."

דער בריעף־טרעגער, נעוואָהנט צו בעפאָלגען אויפטרעגע, האט זיך געזעגענט און איז אוועק דורכצופיהרען וואס רענארדעט האט איהם געזאגט.

„מיר האבען פערנאכלעסיגט פריהער מיטצוטהיילען אז מאָנסיע רענארדעט האט אויף זיינע גיטער און אין זיינע דערפער, פערשפארט דער רעגיערונג פיעלע הוצאות. ער האט ניט צוגעלאָזען קיין בירגערמייסטער מיט א גאנצער מחנה בעד אמטע, זאָנדערן, ער אליין איז געווען דער הויפט־פיהרער, דער הויפט־בעאמטער, און נאָר געהאט אונטער זיך וועבטער'ס און שרייבערס אום צו בעזאָרגען אלע נעטהיגע ארבייטען פיר דער רעגיערונג. דיא אינספעקטארס וואס פלעגען פון צייט צו צייט אריינקומען, האבען אויף איטער אלעס געפונען אין בעסטען אָרדנונג.

ווען דער בריעף־טרעגער איז אוועק, האט זיך מאָנסיע רענארדעט באלד אויפגעהויבען פון זיין שטוהל, אריין אין צווייטען צימער, וואו ער האט זיך אָנגעד טהאָן זיין הוט, דאן איז ער צוגעגאנגען צו דער טהיר וואו ער איז געבליעבען שטעהן אויף דער שוועל עטליכע סעקונדען.

ער האט געבליקט ארוים אין דרויסען, אויף דער ווערטנדא, וואס איז געווען בעוואקסען מיט אלערלייא קאָלירטע בלומען.

אביסעל ווייטער, רעכטס, האט אָנגעפאנגען דער וואלד מיט זיינע הויכע בוימער, און לינקס, איבער דער ברינדילל, איז געלעגען א גרויסעס און פלאכעס פעלד, וואו עס האט געוואקסען, קאָרן, ווייץ און אנדערע ברויט־פראָדוקטען.

אין מיטען, דאס הייסט, צווישען דעם וואלד און דאס פלאכע ברייטע פעלד, איז געלעגען דאס דאָרף, וואס איז געווען בעפעלקערט מיט בהמות־ערציהער.

וויא מיט געמאָסטענע שריט, אזוי איז רענארדעט אריעבער דיא שוועל, ארויף אויף דער ווערטנדא, און פון דאָרט האט ער לאנגזאם ארונטער געשטיעגען דיא טרעפען. דאן איז ער ארויף אויף'ן פעלד און אָנגעפאנגען עטוואס שנעלער צו געהען נעבען ברעג פון דער ברונדילל, האלטענדיג זיינע הענד געשלאָסען אויף'ן רוקען.

ער איז אָבגעגאנגען עטליכע שריט, האלטענדיג דעם קאָפּ טיעף געבויגען צו דער ערד, דאן האט ער זיך אומגעווענדעט, גלייך וויא ער האט שוין ערוואַרטעט צו זעהען דיא מענשען, וועלכע ער האט געשיקט רופען. אָבער קיינער איז נאך ניט ערשיענען.

וויא ער איז ארונטער געקומען אין שאטען פון דיא בוימער, איז ער געד בליעבען שטעהען, ארונטער גענומען זיין הוט פון קאָפּ און זיך אָבגעווישט דעם

שווייס פון שטערען, וועלכער איז געווען אזוי נאס, גלייך ווי ער וואלט ארויס גע־קומען פון א וואסער.

דאן איז ער געגאנגען ווייטער, אָבער ער איז נאך אמאל געבליעבען שטעהען און נאך א פּאאר סעקונדען איבערדענקען, איז ער צוריק געגאנגען און זיך ווידער אָבגעשטעלט גאנץ נאָהענט צו דער ברונדיללע, וואו דאס קלארע וואסער האט געפלאָסען נעבען זיינע פיס.

ער האט ארויסגעצויגען זיין טאשענטוך, דאס גוט איינגענעצט אין וואסער, ארונטער גענומען דעם הוט, און מיט דעם נאסען טאשענטוך האט ער זיך ארום געוויקעלט דעם קאָפּ, דאן האט ער זיך ווידער אָנגעטהאָן דעם הוט.

דיקע וואסער־טראָפּען זיינען געלאָפען איבער זיינע שלייפען און זיך אָבגע־שטעלט נעבען זיינע פייער־רויטע אויערן. אנדערע זיינען געלאָפען איבער זיין שטערן, איבער זיין מעכטיגען, ברייטען האלז און איינגענעצט זיין קראגען פון העמד.

פּלוצלינג האט ער ווי אויפגעציטערט פאר שרעק. ווי א געניטער יעגער'ס הונד, האט ער אויפגעשטעלט זיינע אויערן און זיך גוט צוגעהערט. ער האט זיך אומגעווענדעט, אָבער ער האט קיינעם ניט געזעהען.

דאן האט ער אויסגעשריען:

„האָ! ווער איז דאָרט?“

א שטימע האט געענטפערט.

„האָ! האָ!“

באלד נאכדעם איז ערשיענען דער דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר איז געווען א קליינער און מאָגערער מענש, און ער האט אמאל געדיענט אין דער ארמעע אלס מיליטער־ארצט. אין דער גאנצער געגענד ארום, האט ער געטראגען א נאמען, אלס זעהר א פעהיגער מאן אין זיין פאך. צור צייט וואס ער איז געווען אין דער ארמעע, האט ער אויך מיטגעמאכט א קריעג, און א שונא פון דעם קוגעל האט איהם געטראָפען אין א פוס, פון וועלכען ער איז געבליעבען הינקענדיג. ער האט דערפאר געטראגען א שטעקען אום זיך צו פערלייכטערן זיין גאנג.

עס האט ניט פיעל געדויערט און דער אויבער־וועכטער מיט דעם שרייבער זיינען אויך אָנגעקומען. עס האט זיך ארויס געוויזען, אז אבוואָהל מען האט דעם דאָקטאָר ספּעציעל ניט גערופען, איז ער דאך געקומען אליין, נאכדעם ווי דער שרייבער האט איהם דאריעבער מיטגעטהיילט.

אלע זיינען געקומען האלב נעהענדיג און האלב לויפענדיג. יעדען׳ס געזיכט האט אויסגעדריקט שרעק און איבערראַשונג, און אויף יעדען׳ס ליפען איז געלעגען די פראַגע:

„וואס האט דאָ פּאסירט?“

נאָר אזוי וויא מען האט שוין געקענט גאַנץ גוט מאַנסיע רענארדעט און זיין פינקטליכקייט, האט מען ניט געוואגט צו פרעגען, זאָנדערן אָבווארטען און זעהען וואס ווייטער וועט זיין.

בייא דער ערשיינונג פון דיעזע מענער, האט שוין רענארדעט אויסגעזעהען גאַנץ רוהיג און געלאַסען. ער האט זיך פריהער געווענדעט צום ארצט.

„ווייסט איהר שוין וואס דאָ האט פּאסירט?“ האט ער איהם געפרעגט.

„ניט גאַנץ גענוי.“

„האט איהר גאר ניט געהערט?“

„יא, איך האב געהערט, אז דער בריעף־טרעגער מעדעריק האט געפונען א טויטע מיידעל דאָ אין וואלד.“

„ריכטיג.“

„אָבער ווער און וואס ווייס איך נאָך ניט.“

„גראַדע אזוי איז דער פאל מיט מיר. נאָר דערפאר זיינען מיר דאָך דאָ אום אויסצוגעפינען. זייט איהר בערייט מיטצוגעהען, דאָקטאָר?“

„יא.“

„איהר וועט מיר ענטשולדיגען אין מיין איבערראשונג וואס איך האב אייך פערגעסען ספּעציעל צו רופען.“

„עס שאדעט ניט,“ האט דער דאָקטאָר געזאגט.

„נו,ווירקליך, ווען האבען מיר דאס געהערט אין דיעזער געגענד פון א מאָרד?“

„דאס איז וואהר.“

„נאָר יעדענפאלס, וועלען מיר קיין צייט פערלירען און זעהען וואס עס איז צו טהון. מיר געהען אלזאָ.“

אלע 4 מענער האבען אָנגעפאנגען צו געהען. דאָקטאָר לאַבארבי אָבוואָהל הינקענדיג, איז ער אָבער דאָך געווען פאָראויס, און נאָך איידער מען האט צייט געהאט וויעדער אָנצופאנגען א געשפּרעך, האט ער אויסגערופען:

„דאָרט איז זיא!“

דער דאָקטאָר האט געהאט גוטע אויגען, דען מיט א היבשע שטרעקע דער־ווייטערט, אונטער דיא בוימער, האט מען בעמערקט עפּעס א ווייסען אָדער העללען געגענשטאנד. ווען דיא מענער וואָלטען ניט ספּעציעל געגאנגען זוכען א טויטען קערפּער פון א מיידעל, וואָלטען זייא פּאָזיטיוו פון אזוי ווייט גאר ניט געדענקט, אז דאָרט געפינט זיך א טויטע פּערזאָן. דער געגענשטאנד האט אויסגעזעהען גלענצענד און אזוי ווייס, דאס מען האט גיכער געקענט מיינען, אז דאָרט ליגט עפּעס איין אוועק־געוואָרפענעס שטיק וועש. דיא אורזאכע דערפון איז געווען, וואס א זונענשטראהל האט זיך דורכגעבראָכען צווישען דיא דיקע צווייגען און האט העלל בעלייכטעט דאס בלאסע לייב פון דער טויטער.

וויא מען האט אָנגעפאנגען נעהנטער צוצוקומען, האט מען שוין בעסער גע־קענט אונטערשיידען דיא פאָרמע און געשטאלט פון א קערפּער. דאן האט מען בעמערקט דעם קאָפּ וואס איז געווען געווענדעט צום וואסער, און ביידע הענד זיינען געווען ווייט אויסאנאנדער געשפּרייט.

„מיר איז שרעקליך ווארעם,“ האט רענארדעט בעמערקט און איז אויך געווען דער ערשטער צום רעדען.

וועהרענד דיא אנדערע זיינען געגאנגען פאָרווערטס, האט ער זיך צוגעבויגען צום וואסער פון דער ברונדיללע און זיך ווידער איינגענעטצט זיין טאשענטוך, און זיך נאך אמאל ארום געהיעלט זיין קאָפּ און שטערען.

דער ארצט איז געווען דער ערשטער שנעלער צוצוגיעהען צום קערפּער און ער האט אויסגעזעהען מעהר פּעראינטערעסירט וויא דיא אנדערע. וויא ער איז נאָר צוגעקומען צו דער לייבע, האט ער זיך אָנגעבויגען צו מאכען איין אויבערפלעכליכע אונטערזוכונג, אָהנע דאס צו בעריהרען.

א דאָקטאָר בלייבט א דאָקטאָר. ערבליקענדיג דיא לייבע, איז יעדע אנדערע אינטערעסע בייא איהם פערשוואונדען און ער האט אין זינען געהאט זיין פּראָ־פעסיאָן. ער האט זיך לאנגזאם אָנגעטהאָן דיא ברילען, און וויא איינער וואס בע־טראכט א קוריאָזיטעט, האט ער געקוקט אויף דעם טויטען קערפּער.

אָהנע אויפצושטעהען, האט ער בעמערקט:

„דאס איז קלאָר וויא דער טאָג, אז דאָ איז געווען א דאָפּעל־פערברעכען: פערגוואלטיגונג און מאָרד. דאס וועט זיך באלד ארויס ווייזען נאך א פּראקטישער אונטערזוכונג. דאס מעדכען איז שוין איבערהויפּט א פאָלקאָמענעס פּרויענצימער. זעהט נאָר וואס פאר א גרויסען און ענטוויקעלטען בוזים זיא האט.“

דיאביידע, ציעמליך גרויסע ברוסטען, זיינען געלעגען, וויא נאכהייננענדיג, דורך דעם טויט, איבער ביידע זייטען פון דעם ברוסט־קאסטען.

דער ארצט האט גאנץ פֿאָרזיכטיג ארונטער גענומען דאס טאשענטוך וואס האט בעדעקט דער טויטער'ס געזיכט.

דיא גאנצע הויט פון געזיכט, האט אויסגעזעהען שרעקליך און גאנץ שווארץ. דיא צונג האט ארויס געהאַנגען פון מויל. דיא אויגען וויעדער האבען אויסגעזעהען גלייך וויא זייא האבען געוואָלט ארויס שפּרינגען, און דאן האט זייא עפּעס געשטערט און פערהאַכט זייא זאָלען בלייבען שטעהען אויף זייער פּלאַטץ.

דער ארצט האט זיך גוט צוגעקוקט, און געמורמעלט וויא צו זיך אליין:

„בייא גאָט! דער שופט האט זיא דערוואָרגען, וועהרענד ער האט זיא געשענדעט.“

נאכדעם האט ער גוט בעטראַכט דעם האלז און וויטער בעמערקט:

„דער מאָרד אין געשעהן אָהן איין אינסטרומענט, בלויז מיט דיא הענד האט מען זיא דערוואָרגען. און דער מערדער איז געווען א מעכטיגער קערל. ער האט זיך ניט געפּלאָגט צופיעל, און ערשפּארט איינצוגראָבען זיינע נעגעל, אום צוריק צו לאָזען א שפּור. יא, יא, קוקט זיך גוט צו, אָבוואָהל אזוי פערענדערט, דערקען איך זיא דאָך, עס איז דיא קליינע ראָקע!“

בייא דיעזע ווערטער האט ער דאס טאשענטוך פֿאָרזיכטיג צוריק געלעגט אויף איהר געזיכט.

„איך האב דאָ, גלויב איך,“ האט דער ארצט געזאגט, ניט מעהר וואס צו טהון. זיא איז טויט ווענינגסטענס שוין זייט 12 שטונדען. נאָך מיינער אנזיכט, דארף מען דאריעבער זאָפאָרט מעלדען אין געריכט.“

רענארדעט איז שוין געשטאַנען נעבען איהם, האלטענדיג דיא הענד אויף'ן רוקען און אויפמערקזאם בעטראַכטענדיג דיא פערגלאָצטע אויגען פון דער טויטער, וואס איז געלעגען אויסגעשטרעקט אויף'ן גראָז.

דאָן האט ער רוהיג בעמערקט:

„דאס הייסט א שופט! אפילו דיא קליידער האט ער איהר אוועק גענומען. מען דארף דאָך זעהן ווענינגסטענס זיא זאָל ניט ליעגען נאקעט. וואו קענען זיין דיא קליידער? מען מוז זייא אויפזוכען?“

דער דאָקטאָר האט זיך דאן נאך אמאל צונעבויגען, בעטאפּט דיא הענד׳ דיא אָרעמס און דיא פיס, און בעמערקט:

„עס שיינט מיר, אז דאס מיידעל האט זיך דאָ געבאָדען. עס איז מעגליך, אז זיא איז אריינגעגאנגען זיך באָדען, נאכדעם וויא זיא האט גאר קיין אהנונג געד האט וואס עס ערוואַרטעט זיא. ווען עס איז אזוי, דאן מוזען זיין איהרע קליידער אירגענדוואו דאָ אין דער געגענד. ווירקליך, מען דארף זייא זוכען און מען וועט זייא געפינען.“

רענאַרדעם האט בעפוילען זיך ווענדענדיג צום שרייבער:

„דוא, פּרינסיפּ, זאָלסט זוכען דיא קליידער אין דער געגענד נעבען וואסער. זוך גוט, ארום און ארום.“

דאן צום וועכטער:

„און דוא מאַקסים, געה שוין אוועק נאך רוא־לא־טאָר און רוף מיר אהער זאָפאָרט דעם אונטערזוכונגס־ריכטער צוזאמען מיט א פּאאר זשאנדארען. אָבער הער מיך גוט אויס, זייא מוזען דאָ אלע זיין אין א שטונדע צייט, ניט פערזאמען. ווייל דאָ איז געשעהען א גרויזאמער מאָרד.

דער שרייבער האט זיך באלד גענומען צו זיין ארבייט זוכען דיא קליידער, און דער וועכטער איז אויגענבליקליך אוועק דורכצופיהרען דעם אויפטראג.

רענאַרדעט האט זיך דאן געווענדעט צום דאָקטאָר:

„איהר מעגט זאגען וואס איהר ווילט, דאָקטאָר, איך קען דיא גאנצע געד שיכטע ניט בעגרייפען. מיר פּאלט בשום אופן ניט איין ווער דאס האט געקענט מהון. דיא גאנצע שוידערהאפטע ערייגניס, איז פאר מיר א טיעפעס געהיימניס. וויא מיר איז בעקאנט, קען איך דאָרט אלע איינוואָהנער פון דער אומגעגענד, און איך בין זיכער, אז קיין איינציגער איז פעהיג צו אזא געהיימניס.“

דער ארצט האט לאנגזאם געענטפערט:

„ווער ווייס! איהר קענט פּאָזיטיוו פאר קיין מענשען גאראנטירען. אייך קען זיך דאכטען, אז איינער איז גוט, פרום און אנשטענדיג, און צום סוף זאָל ער גאר זיין דער פערדאָרבענסטער שופט. איבריגענס, יעדער ווייסטקינג איז פעהיג דערצו. מען קען בעשולדיגען יעדען אין אלגעמיין און דאָך קען מען ניט זאגען איבער איינעם, אז אקוראט ער איז עס. נאך מיינער אנזיכט אָבער, גלויב איך, אז דאס האט געמוזט זיין עפּעס א וואגאבונד, איין ארום־טרייבער, אָדער איין ארבייטער וואס האט קיין בעשעפטיגונג. זייט דער צייט וואס מען האט אונז געגעבען א

רעפּובליק, א זאַגענאַנטע פאָלקס־רעגיערונג, הערט איהר נאָר פון אַזעלכע פער־ברעכענס אין אַלע גאַסען."

דער אַרצט גלייך מיט רענאַרדעט'ן, זיינען ביידע געווען מאָנאַרכיסטען, און זייא האָבען קיין אַנדערעס גליק געזעהען פיר זייער פאַטערלאַנד, אויסער דאָס איינער פון דער באָנאַפּאַרט פאַמיליע זאָל ווידער הערשען און רעגירען איבער פראַנקרייך.

רענאַרדעט האָט בעמערקט:

„איהר האָט פאָלקאָמען רעכט, דאָקטאָר. דאָס האָט קיינער ניט געקענט טהון, נאָר א פּרעמדער, עפּעס איין אַרום־טרייבענדער אַרבייטער, אָדער וויא איהר האָט פריהער געזאָגט, א וואַגאַבונד, וואָס האָט קיין הויז, קיין פאַמיליע און קיין בעט......"

דער אַרצט, מיט א לייכטען שמייכעלע אויף זיינע ליפּען, האָט געמור־מעלט:

„איין זאַך איז זיכער, אַז דאָס האָט קיין פרוי געטהאָן."

„פּאָזיטיוו ניט!" האָט רענאַרדעט געזאָגט גאַנץ מונטער.

„מיין מיינונג איז א ריכטיגער," האָט דער אַרצט פאָרטגעזעצט. „א וואַ־גאַבונד וואָס האָט קיין געלעגער, קיין מיטאָג און קיין נאַכטמאָהל, האָט ער זיך בעזאָרגט מיט דעם אַנדערן. יאָ, יאָ, איהר קענט זיך קוים א בעגריעף מאַכען וואָס פאַר א מין ברואים עס זיינען דאָ אויף דיעזער וועלט. עס זיינען דאָ אַזעלכע מענשען, וואָס וועלען ניט צוריק שרעקען צו בעגעהען דאָס שענדליכסטע פער־ברעכען אין יעדען אויגענבליק פון זייער לעבען. גלויבט איהר דאָס מאָנסיע רע־נאַרדעט?"

„געוויס יאָ."

ביידע האָבען דאַן געשוויעגען. נאָך א פּויזע האָט דער אַרצט גע־פרעגט:

„איז אייך דאָס קינד בעקאַנט געווען?"

בייא דיעזע ווערטער האָט דער אַרצט בעריהרט מיט זיין שטעקען דיא שפּיטץ פינגער פון דער טויטער'ס האַנד, איינעם נאָך דעם אַנדערן, גלייך וויא ער וואָלט געשפּיעלט פּיאַנאָ.

„יאָ," האָט רענאַרדעט געענטפערט, „דיא מוטער האָט מיר געסטערן אַבענד אָפּגעשטאַטעט א בעזוך. עס איז געווען, מיר דאַכט, אַרום 9 אוהר. דיא אַרמאַכע

דערפון איז געווען, וואס איהר קינד האט ניט צוריק געעהרט אום 7 אוהר ווי געוועהנליך. איך אליין בין מיט איהר ארויס געגאנגען אויף דער גאס און פערווילט ביז האלבע נאכט, רופענדיג איהר נאמען, דאן זוכענדיג צווישע דיא בוימער פיעל־לייכט, האט זיא זיך געלעגט דארט שלאפען, אבער מיר האבען זיא ניט ענטדעקט. עס האט מיר געריסען מיין הארץ קוקענדיג אויף דער פערצווייפעלטער מוטער, אבער קיין זאך האט געקענט העלפען; עס האט פריהער געמוזט טאג ווערען, און זוכען ווייטער אין דער פינסטער, איז געווען אומזיסט.״

דער ארצט האט געברומט ציטערענד.

„ווילט איהר רויכען א ציגארע?״ האט ער דאן געפרעגט.

„איך דאנקע,״ האט רעגארדעט געענטפערט, „איך האב עפעס יעטצט גאר קיין אפעטיט צום רויכען. אזא סצענע קען בייא איינעם אוועק נעהמען דעם גאנצען געשמאק.״

„בייא מיר גארדע ניט.״

„געוויס, איהר זייט דאך א דאקטאר.״

„יא, און איך האב נאך ערגערעס געזעהען.״

ביידע זיינען געשטאנען געגענאיבער דעם טויטען קערפער פון א מעדכען, וואס האט אויסגעזעהען שווארץ וועהרענד איהר לעבען און איז ערשט געשטאנען בייא דיא יאהרען פון וואקסען און ענטוויקלען זיך. יעטצט איז דאס געלעגען טויט, בלאס און פערשטארט טראמץ דער היטץ.

א גרויסע פליעג מיט א בלויען בויך, וועלכע איז געשטאנען אויף דעם גראבען פלייש פון רעכטען פוס, איז שנעל צוגעקראכען צו דעם פלאטץ בעפלעקט מיט בלוט און זיך אבגעשטעלט אויף איין אויגענבליק. דאן איז זיא געלאפען ווייטער אויף דעם קערפער איבער דעם בויך און איז שנעל ארויף געקומען צו דער ברוסט וואו זיא האט זיך ווידער אבגעשטעלט. זיא האט אויסגעזעהען גלייך וויא זיא וואלט עפעס נאכגעפארשט אום צו געפינען פליסיגעס צום טרינקען. ניט ענט־דעקענדיג וואס זיא האט געזוכט, האט זיך נאך אמאל צוריק געקעהרט מיט איהרע שנעלע שריט.

ביידע מענער זיינען געשטאנען און אויפמערקזאם בעטראכט דעם וואנדער־ענדען שווארצען פונקט.

דער ארצט האט בעמערקט:

„וויא שעהן דאס זעהט אויס ווען א פליעג וואנדערט אויף דער הויט! דיא דאמען פון לעצטען יאהרהונדערט, האבען גאר קיין אונרעכט ניט געהאט, ווען זייא

פלענען, אלס חן־פינטעלע, זיך צוקלעפּען א פליעג צו דער הויט פון נעזיכט. מיך וואונדערט ווארום דיעזער מנהג איז אונטערגעגאנגען."

רענארדעט האט אויסגעזעהען צופיעל פערטראַכט, און עס שיינט, אז ער האט נאר ניט געהערט זיינע בעמערקונגען.

פּלוצלינג האט זיך אָבער רענארדעט אומגעווענדעט, דען א געראויש פון ווייטען, האט צוגעצויגען זיין אויפמערקזאמקייט. א פרוי מיט א הויב אויף'ן קאָפּ און מיט א בלויער שירצע, האט געשפּאַנט מיט זעהר שנעלע שריט.

עס איז געוועזען דער ערמאָרדעטער'ס מוטער, מאדאם ראָקע.

„מיין קינד! מיין קינד! וואו איז מיין קינד?" האט זיא געשריען.

אויף איינמאָל האט זיא ערבליקט דיא לייבע. זיא איז געבליעבען שטעהען, זיך אביסעל צוגעקוקט, דאן האט זיא צוזאמענגעקלעגטביידע דאַלאָניעס אין זיך אָנגעפּאַנגען צו ברעכען דיא הענד; וועהרענד דעם האט זיא ארויס געלאָזען א שארפען און פערצווייפעלטען געשרייא וויא פון עפּעס א ווילדע חיה, וועלכע א יענער'ס קוגעל האט טעדטליך פערוואונדעט.

דאן איז זיא צוגעלאָפען ביז צו דער לייבע, ניעדערגעזונקען אויף איהרע קניען און ארונטער געריסען דאס טאשענטוך פון דער ערמאָרדעטער'ס געזיכט.

אזוי וויא זיא האט דערזעהען דאס שרעקליכע, שווארצע און פערענדערטע געזיכט, איז זיא ווידער אויפגעשפּרונגען אין דער הויך און אָנגעפּאַנגען פירכטערליך צו שרייען, ביז זיא איז צוגעפאלען מיט'ן פּנים צום גראָז און געמריקעט וויא איין אָקס.

איהר לאַנגער און מאָגערער קערפּער, צו וועלכען דיא קליידער זיינען געוועזען צוגעקלעפּט פון שוויס, האט געציטערט און געשווידערט. דאן איז זיא אריינגע־פאלען וויא אין א קאָנוואולסיאָן און איהרע גליעדער האבען זיך קראמפּפהאַפט געצוינען און געוואָרפען וויא א פיש וואס מען ציהט איהם נאָר וואס ארויס פון וואסער.

דער ארצט האט בעגריפען וואס דיא אונגליקליכע ליידעט, און ער האט שטי־לערהייט בעמערקט:

„ארמע אלטע פרוי! ארמע אונגליקליכע!"

און וואס איז געשעהען מיט רענארדעט'ן? ער האט אויסגעזעהן אויסער זיך פאר שמערץ איבער דיעזען אנבליק. דאן האט זיך, וויא אונווילענדיג, ארויסגעריסען א געשרייא פון זיין האלז און ברוסט, עהנליך צו דעם געשרייא פון איין אָקס,

וועלכער ערבליקט רעם חלף אויף'ן האלז. נאכדעם איז ער געבליעבען שטעהן וויא פערשטיינערט, און זיינע אויגען, וויט געעפענט, האבען געבליקט ווילד צו דעם שוידערהאפטען ביכד פון דעם טויטען קינד און דיא פערצווייפעלטע מוטער.

אָבער רענארדעט האט זיך ענדליך בעהעררשט, דען ער האט אויסגעשטרעקט זיין האנד, ארויסגענומען א מאשענטוך פון דער קעשענע און אָנגעפאנגען צו וויינען, הוסטען און שנייצען, און ער האט געמורמעלט וויטהענד:

„מיין גאָט! מיין גאָט! ווער דאס האט געטהאָן, האט פערדיענט דיא גילאָטינע! איך אליין, וואָלט איהם אָבגעהאקט דעם קאָפּ! אזא שופט...... אזא לומפּ... אזא באנדיט... אזא... אזא...“

צו דיעזער צייט איז צוגעקומען דער שרייבער פּרינסיפּ, מיט א פערצווייפעלטער מיענע אויף זיין געזיכט און מיט לעערע הענד.

„עס טהוט מיר זעהר לייד,“ האט ער געזאגט, „איך האב אויסגעזוכט יעדען ווינקעל, אָבער ליידער, האב איך דיא קליידער ניט געפונען. נישטאָ, פּייא מיין עהרענוואָרט ניט געפונען.“

רענארדעט איז געוועזן אזוי ערשראָקען און פערווירט, אז ער האט גאר ניט געהערט וואס פּרינסיפּ האט איהם פון אנפאנג געזאגט. אין זיינע אויערן האבען נאָר געקלונגען דיא לעטצטע ווערטער, אָבער גאנץ אונפערשטענדליך.

„וואס האסט דוא ניט געפונען, מענש?“ האט ער געפרעגט, „וואס ווילסטו?“

„איך מיין דיא זאכען, דער ערמאָרדעטער'ס קליידער.“

„אך!“ האט רענארדעט אויסגעשריען, „יא, יא, איך פערשטעה, יא, דאָן... דאָן געה און זוך ווייטער, און, און... זעה, אז דוא זאָלסט גוט זוכען און געפינען... אָדער, געדענק, אז דוא ועסט מיט מיר האבען צו טהון... געדענק!“

פּרינסיפּ האט גוט געקענט רענארדעט'ן, און ער האט געוואוסט, אז מען דארף זיך מיט איהם ניט פיעל אויסטענה'ען און געהאָרכען זיין בעפעהל. ער האט זיך דערפאר נאך אמאל אָבגעווענדעט און איז וויעדער אוועק זוכען. אין דערזעלבער צייט, האט ער צוריק געוואָרפען זייטען־בליקען אויף דער סצענע.

דריטעס קאפיטעל.

פון ווייטער, צווישען דיא בוימער, האבען זיך געהערט מעהרערע שטימען, אלץ העכער און העכער. דאן האט זיך געהערט א רעש און איין אונטערדריקטער געטומעל. דער רעש און געטומעל האט אויסגעזעהן וויא פון א קאמפאניע רייטער. דיא אורזאכע דערפון איז געווען, וואס מעדעריק האט אויפגערודערט דיא גאנצע געגענד. ער האט איבעראל דערצעהלט איבער דעם מארד פון א קינד אין וואלד, און דיא רוהיגע איינוואהנער האבען אין דעם געזעהען עפעס אזא אינטערעסאנטע זאך, וואס מען דארף ניט פערפעהלען בייצו־וואהנען.

אזוי וויא מעדעריק האט פערברייטעט דיא נאכריכט, איבעראל וואו ער האט געטראפען דיא טהיר אבצוגעבען א בריעף, האבען זיך אנגעפאנגען צוזאמען צו קלייבען רעדלעך מענשען אויף דער גאס און איינער האט דערצעהלט דיא איבריגע נייגיערינע וואס האבען נאך דערפון ניט געוואוסט.

„וואו איז דאס?" האט איינער געפרעגט.

„אין וואלד," האט איין אנדערער געענטפערט.

„יא אין וואלד, אבער וואו? מען קען דאך זוכען אין וואלד ביז מארגען און איבערמארגען."

„נעבען דער ברונדיללע."

„נעבען דער ברונדיללע? אויף וועלכער שטעלע?"

„ניט ווייט פון בריקעל."

„אה! איך ווייס שוין וואו דאס איז."

„אלזא קאמיר געהען!" האט א דריטער און א פיערטער געזאגט.

אלע האבען איינגעשטימט.

זייא זיינען אבער ניט געקומען אויף אמאל, זאנדערן גרופענווייז. אבער כמעט אלע האבען געצענערט, זיך געציינט אונרוהיג און ניט געוואגט מיט אמאל צו צוקומען.

וויא זייא האבען נאר דערזעהען דיא לייבע, זיינען זייא געבליעבען שטעהען און וויא מורא געהאט צו מאכען א שריט ווייטער. זייא האבען געמורמעלט גאנץ שטיל צווישען זיך.

דאן האבען א פאאר מוטה געפאסט און געמאכט א פאאר שריט ווייטער.

דיא אנדערע האבען דאסזעלבע געטהאָן. דאס האט געדויערט עטליכע מינוטען, ביז זייא האבען געבילדעט א ראָד פון מענשען ארום דעם טויטען קערפּער און ארום דער אלטער ראָקע. דער ארצט און רענארדעט זיינען געבליעבען אויסער דעם קרייז, אָבער אויך זייא האט מען נעדרעננט אום זיך מעהר פּלאַטץ צו מאַכען פּאַ' דער גרויסער מעננע מענשען.

דיא פאָרדערשטע אין דער מענשען־ראָד, האבען באלד פערלוירען זייער שרעק און צונעקומען אזוי נאָהענט צו דער לייבע, דאס איינינע האבען זאָגאר גע־וואגט צו בעריהרען דעם טויטען קערפּער און איהם בעטאַפּען.

דער ארצט האט דאס געזעהן פון ווייטען און זיך אריינגערוקט אין מיטען.

„וואס טהוט איהר דאָרטען?" האט ער געפרעגט.

קיין ענטפער.

„לאָזט צורוה דעם קערפּער!" האט ער געשריען. „איהר דאַרפט איהם ניט בעריהרען. געהט אוועק פון דאַנען!"

רענארדעט וועלכער איז פריהער געשטאנען וויא געלעהמט, האט פּלוצלינג ערוואכט פון זיין בעטויבונג, און כאַפּענדיג דעם דאָקטאָר'ס שטעקען, איז ער צו־געלאָפען וויא א ווילדע חיה און אויסגעשריען ווטהענד:

„געהט אוועק פון דאַנען, איהר געזינדעל! צום טייפעל מיט אייך! פאָרט. אהיים צו אייער ארבייט! האסטו געהערט א סקאַנדאַל!"

אין איין אויגענבליק האט זיך דיא מענשען־ראָד געעפענט און דיא מעננע האט זיך פערשפּרייט איבער דעם גראָז, צווישען דיא בוימער און נעבען ברעג פון דער ברונדיללע.

דיא אלטע ראָקע האט זיך אויפגעזעטצט, זיך אומגעדרעהט, און נאַכדעם וויא זיא האט געוואָרפען א בליק ארום, האט זיא אויסגעבראָכען אין א העפטיגעס געוויין.

צווישען דיא גרויסע מאסע צושויער, האט מען שוין ערפאַהרען גענוי וואס עס איז געשעהען. יעדער האט זיך איבערצייגט, אז דיא קליינע ראָקע איז דיא ערמאָרדעטע, און דיא אינגלעך האבען מיט נייגיעריגע אויגען געבליקט צו דעם נאַקעטען קערפּער.

רענארדעט האט דאס אלעס געזעהן, און אום דאס צו פערהינדערן, האט ער פון זיך ארונטער געריסען זיין דינעם זומער־ראָק און ארויף געוואָרפען איבער דעם קערפּער פון טויטען קינד. דער ראָק איז געווען גענוג גרויס, אום בעדעקט דעם גאַנצען קערפּער צו צודעקען.

דאַן האט דיא נייגיערינע מעננע זיך ווידער אָנגעפאַנגען לאַנגזאַם צו דער־נעהנטערן. צווישען דיא בוימער זיינען ערשיענען פרישע מענשען, און איין אונ־אונטערבראָכענעס געמורמעל און געשפּרעך האט שטאַטגעפונדען.

רענאַררעט, בלויז אין זיין העמד, איז נאך אימער געשטאַנען מיט דעם דאָקטאָר׳ס שטעקען אין האנד, בערייט אירגענד יעמאַנדען צוריק צו טרייבען. ער האט אויסגעזעהען זעהר אויפגערעגט איבער דער נייגיעריגקייט פון דיא בויערן.

„צום טייפעל!“ האט ער אויסגעשריען, „וואס זעהט איהר דאָ? וואס ווילט איהר? געהט אהיים, איהר פויללענצער, צו אייערע ארבייטען. ווען איינער פון אייך וועט וואגען נאהענט צו צוטרעטען, וועל איך איהם מיט דעם שטעקען אויפשפּאַלטען זיין קאָפּ!“

קיינער פון דיא בויערן האט חשק געהאט מיט איהם אנצופאַנגען. דער דאָקטאָר לאַבארבי, וועלכער האט זיך פערראויכערט א ציגאַרע, האט זיך אוועק געזעטצט נעבען דער אַלטער ראָקע, צו איהר גערעדט און זיא געזוכט צו טרייסטען.

דיא אַלטע האט ארונטער גענומען דיא הענד פון איהר געזיכט און געענט־פערט, אונטער א ים טרערען און כליפּען, אז זיא איז אונגליקליך און זיא וועט דעם שמערץ ניט איבערלעבען.

דערווייל האט זיא זיך אויך אביסעל מעהר בערוהיגט און אָנגעפאַנגען צו דערצעהלען איהר גאַנצע ביאָגראַפיע. זיא האט אָבגעשילדערט איהר הייראַטה, דעם טויט פון איהר מאַן, וועלכער איז געווען איין אָקסען־טרייבער, און וויא אזוי איין אָקס האט מיט זיינע שאַרפע הערנער דעם אונגליקליכען צעררויסען. דאס איז געווען דאַמאלס, ווען זיא האט נאָר וואס ענטוועהנט דאס קינד, און זיא איז איבערגע־בליעבען איין עלענדע און אונגליקליכע אלמנה.

„אך! וויא שעהן און וויא אונשולדיג מיין לואיזע איז געוועזן!“ האט זיא אויסגעשריען. „נאָר יעטצט זעהט, אָט ליעגט זיא טויט!“

בייא דיעזע ווערטער איז איהר אָנגעקומען א וואונש דאס קינד נאך אמאל צו זעהען. אויף דיא קניען האט זיא זיך צוגערוקט, אויפגעהויבען א זייט פון דעם ראָק, געבליקט א פּאָאר אויגענבליקען, און דאַן ווידער ארונטער געלאָזען און אויסגעבראָכען אין א נייעס געוויין און געשרייא.

דיא מאַסע מענשען ארום איז דערבייא זעהר שטיל געוואָרען און געקוקט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט צו דער מוטער, אום צו זעהען וואס זיא טהוט.

פלוצלינג אָבער איז ענטשטאַנדען אַ נייע בעוועגונג. יעמאַנד האָט אויס־
געשריען:

„מאַכט פּלאַץ! די זשאַנדאַרען קומען!"

פון ווייטען האָט מען געקענט זעהען צוויי זשאַנדאַרען, וועלכע זיינען אָנ־
געקומען גאַלאָפּירענדיג אויף פערד. זיי האָבען בעגלייטעט זייער קאַפּיטאַן און אַ
קליינעם הערר מיט רויטע באַקענבערד, וועלכער האָט אויסגעזעהען ווי אַ"ן
אָבעזאָניע רייטענדיג אויף אַ פערד.

דער וועכטער, האָט צום גליק, געטראָפען מאַנסיע פּיטאַן, דעם אונטערזו־
כונגס־ריכטער, בעשטייענדיג זיין פערד, אום אויסצופאָהרען אַביסעל שפּאַצירען
מיט איהם איז אויך געוועזן זיין פריינד, דער זשאַנדאַרען־קאַפּיטאַן, און ווי מאַקסים
האָט איהם מיטגעטהיילט וואָס עס איז געשעהען און ווער עס רופט איהם, האָט
דער קאַפּיטאַן בעשלאָסען אויך מיטצופאָהרען, און איבער'ן וועג האָבען זיי מיט־
גערופען צוויי זשאַנדאַרען.

צוזאַמען מיט דעם קאַפּיטאַן איז ער אָבגעשטיגען פון זיין פערד, געדריקט
רענאַרדעט'ן און דעם דאָקטאָר די האַנד, און געוואָרפען אַ דורכזוכענדען בליק
אויף דעם טויטען קערפּער פון דער ערד. ער האָט אָבער דעם קערפּער ניט געזעהן,
זאָנדערן זיך געמערקט, אַז דאָרט, אונטער דעם ראָק, ליעגט ער.

ער האָט באַלד אָנגעפאַנגען אַ געשפּרעך מיט רענאַרדעט'ן און מיט דעם
אַרצט, און זיי האָבען איהם ערקלערט אַלעס וואָס זיי האָבען געוואוסט איבער
דער אַנגעלעגענהייט. דאַן האָט ער צוגערופען די זשאַנדאַרען, געלאָזען אויס־
אַנאַנדער טרייבען די בויערן און זיך געוואָלט נעהמען צו דער אונטערזוכונגס־
אַרבייט. די בויערן זיינען אָבער שנעל צוריק געקומען, זיך אַוועק געשטעלט
אַביסעל ווייטער ווי פריהער, און עס איז אונטער זיי ענטשטאַנדען אַ גע־
רוישענדעס געשפּרעך.

דער אונטערזוכונגס־ריכטער האָט אָנגעפאַנגען צו שטעלען דעם אַרצט
פראַגען, און רענאַרדעט, מיט אַ בליישטיפט און פּאַפּיר אין דער האַנד, האָט די
פראַגען און אַנטוואָרטען פערצייכענט.

אַלעס וואָס מען האָט געוואוסט, איז גענוי פערשריעבען געוואָרען און ריכטיג
אָבגעשילדערט, אָבער דאָס האָט נאָך פּאָזיטיוו ניט געפיהרט אויף קיין איינציגען
שפּור פון דעם מערדער. אַלעס וואָס די אונטערזוכונג האָט בעוויזען, איז געווען
דאָס די ערמאָרדעטע איז ווירקליך טויט.

דער שרייבער האט צוריק געקעהרט ווידער מיט לעדיגע הענד, און ער־קלערט, אז עס איז איהם אונמעגליך געווען צו ענטדעקען די קליידער.

דאס פערשווינדען פון די קליידער, האט יעדען ערשטוינט. מען האט זיך דאס ערקלערט אלס א פרעבען רויב.

„איך קען עס מיר ניט גלויבען," האט דער ארצט ערקלערט, „אז די קליידער זיינען גערויבט געוואָרען."

„ווארום ?" האט דער אונטערזוכונגס־ריכטער געפרעגט.

„ווייל זייא האבען אפילו קיין 20 סו ניט ווערטה געהאט, און דער בלוטיגער מערדער האט ניט געקענט אין זינען האבען זייא צו געהען זוכען נאך זיין מאָרד־טהאט. נאך מיינער אנזיכט, מוזען די קליידער אירגענדוואו דאָ ערגיץ ליעגען בע־האלטען."

דער אונטערזוכונגס־ריכטער האט געמוזט צוגעבען, אז די מיינונג איז א ריכטיגע. צוזאמען מיט רענארדעט׳ן, דער קאפיטאן און דער ארצט, זיינען זייא ארויס צו זוכען די קליידער צווישען גראָז, צווישען די בוימער און ביים ברעג פון דער ברונדיללע.

זוכענדיג עטליכע מינוטען און ניט געפינענדיג, האט רענארדעט געזאגט צום ריכטער :

„עס שיינט אלזאָ, אז די קליידער האט מען ניט אוועק גענגב׳עט, ווייל עס האט זיך ניט געלוינט די מיה זייא צו טראגען. אָבער וואו קענען זייא זיין ? האט דער מערדער זייא אירגענדוואו בעהאלטען ? צו וועלכען צוועק ? ווען ער וואָלט וועלען בעהאלטען די שפור פון זיין טהאט, דאן וואָלט ער דאך די ערמאָרדעטע זעלבסט ניט צוריק געלאָזען אויף׳ן פרייען פעלד ?"

דער ריכטער, וועלכער איז געווען בעקאנט אָלס א פערשטענדיגער אין זיין פאך, און זעהר שארפזיניג, האט געענטפערט :

„הם, יא, דאס איז ריכטיג. אָבער פיעללייכט איז דאס נאָר א שפיטצעל אום ארונטער צו פיהרען פון דער ריכטיגער שפור ? דיעזעס פערברעכען איז בע־גאנגען געוואָרען ענטוועדער פון א שמוטציגער בעסטיע, אָדער גלאט א געמיינער באנדיט. יעדענפאלס, רעכען איך, אז מיר וועלען אונזער ציעל ערררייכען און דעם לומפ זאָ שנעל וויא מעגליך כאפען."

דאס געוויש פון א דראָשקע האט אונטערבראָכען זייער געשפרעך.

דער פּראָקוראָר, דער געריכטס־ארצט און דער הויפּט־אמט־שרייבער, זיינען אָנגעקומען.

די נעזעלשאפט איז געווען א גרופּע פון אלט־בעקאנטע גוטע ברידער, און אונטער א לעבהאפטעס און מונטערעס געשפּרעך, האט די אונטערזוכונג אָנגע־פאנגען פון דאס נייא.

אזוי האבען די בעאמטע פערבראכט אין א מונטערער אונטערהאלטונג ביינאהע א שטונדע.

ווען אלעס איז שוין געווען צו ענדע, און מיט דעמזעלבען רעזולטאט ווי פריהער, איז צוגעקומען רענארדעט און געזאגט:

„ווייסט איהר, מיינע הערען, אז איהר זייט איינגעלאדען צו מיר אויף פריהשטיק?“

„דאס האבען מיר גראדע ניט געוואוסט,“ האט דער פּראָקוראָר בעמערקט לאכענדיג.

אלע אנדערע האבען אויך געלאכט, און יעדער בעזונדער האט אָנגענומען די איינלאדונג.

„ווי די זאך איז,“ האט דער אונטערזוכונגס־ריכטער געזאגט, „גלויב איך אז מיר האבען געטהאן אונזער פליכט. אלע אונזערע מעגליכקייטען זיינען אָנגע־ווענדעט געווארען אום יעדע קליינינקייטען נאכצופאָרשען, און קוים אין ערשטע ארבייטס-טאָג, אין דיזען מאָרד־פּראָצעס, האבען מיר גאנץ גענוג געווירקט.“

דער פּראָקוראָר האט געענטפערט:

„געווים, וואס נאך קען מען דען פאַרלויפיג טהון?“

ביי דיזע ווערטער איז צוגעגאנגען דער ארצט און געפרעגט:

„אלזאָ, וואס טהוט מען מיט דער לייבע?“

עס האט אויסגעזעהען, אז זייא האבען נאך ביז דאמאלס דאריבער גאר ניט געדענקט.

„ריכטיג,“ האט דער אונטערזוכונגס־ריכטער געזאגט, „וואס קען מען טהון מיט דער לייבע? דאָ, אויף׳ן פעלד, קען זיא דאך ניט בלייבען? איך וואָלט געזאגט, דאס מאָנסיע רענארדעט זאָל אונז ערלויבען פאַרלויפיג צו איהם צו ברענגען די לייבע. איך גלויב, אז איהר האט געווים עפּעס א קאמער אָדער א לעדיג צימער׳ל וואו די לייבע זאָל קענען פערבלייבען ביז אבענד.“

רענארדעט האט אויפגעציטערט. די פאַרב אויף זיין געזיכט האט זיך גע־וועקסעלט, און ער האט קוים ארויס געשטאמעלט:

„נו, יא, איך מיין... ניין... איך צו זאגען די וואהרהייט, קימערט דאס מיך זעהר ווענינ, אָבער.... אָבער, איך וואָלט צופריעדענער געוועזען ניט צו האבען די לייבע אין מיין הויז.... עס איז אונאנגענעהם.... דאָן, אויך וועגען מיין דיענערשאפט, וועלכע זיינען שוין אזוי אויך... דאס הייסט, זייא האבען שוין אזוי אויך גענוג מורא פאר שדים און רוחות.. אין מיין טהורם, וויא איהר ווייסט, אין פוקס־טהורם, ציטערן זייא וויא פיש אין וואסער... זייא בעהויפטען, אז דאָרט זיינען דאָ גייסטער.... אָט דאס, מיין איך, איז די אורזאכע, ווארום איך וואָלט ניט וועלען אריינגעהמען די לייבע צו מיר.“

דער אונטערזוכונגס־ריכטער האט געשמייכעלט און די אנדערע צוהערער האבען געלאכט.

„דאָן,“ האט ער געזאגט, „וועלען מיר זיך פערשפארען א צווייטע ארבייט. מיר וועלען זאָפאָרט קאָזען די לייבע דירעקט אוועק פיהרען נאך רואי, וואו די געריכטליכע אונטערזוכונג זאָל געגוי שטאטפינדען...“

ער האט זיך נאך דיעזער ערקלערונג געווענדעט צום פראקוראָר:

„איך גלויב, אז איהר וועט מיר ערלויבען זיך דאפיר צו בעניטצען מיט אייער דראָשקע?“

„אָה יא, געוויס, נאטירליך!“

די גרופע האט זיך דאָן ווידער פערזאמעלט ארום דער לייבע.

די אלטע ראָקע, וועלכע איז ביז יעטצט געלעגען צוגעטולעט צו איהר טויטע טאָכטער, האט זיך עטוואס אויפגעהויבען, „אָנגענומען איהר האנד און אָנגעפאנגען אזוי צו שרייען און ליארמען, אז דער ווידער־קול האט אָבגעקלונגען איבער דעם גאנצען וואלד.

ביידע ערצטע האבען פראָבירט זיא אוועק צו נעהמען, אום איהר צו ער־שפארען דעם שמערץ צו בליקען אויף דער סצענע וויא מען וועט די ערמאָרדעטע אויפהייבען. אָבער די אלטע פרוי האט באלד בעגריפען די אבזיכט, און זיך אניעדער ווארפענדיג נעבען דער לייבע, האט זיא מיט ביידע הענד אומארמט דעם טויטען קערפער און זיך דאָרט פעסט געהאלטען.

זיא האט זיך אָנגעפאנגען העפטיג צו ווארפען און געשריען:

„איהר זאָלט זיא ניט אוועק נעהמען פון דאנען! זיא איז מיינע, מיין טאָכטער, מיין קינד! זיא בעלאנגט יעטצט צו מיר אליין! מען האט זיא מיר ערמאָרדעט, און איך וועל זיא האלטען! איהר וועט זיא ניט קריעגען, ניין, איך וועל זיא ניט לאָזען אוועק רויבען פון מיר!“

דיא מענער זיינען געבליעבען שטעהען איבערראַשט און אונענטשלאָסען.

רענאַרדעט איז צוגעקומען נעהנטער, ניעדערגעקניעט נעבען דער אונגליקליכער מוטער און איהר אויסגערעדט:

„הערט דאָך אויף צו וויינען, פרוי ראָקע; דאס מוז זיין, דאס מוז געשעהען, אזוי פיהרט זיך דיא וועלט. מען מוז מאַכען א טיכטיגע אונטערזוכונג אום צו ענט־דעקען ווער עס האט אומגעבראַכט אייער קינד! עס איז נישטאָ קיין אנדערע ברירה וויא אזוי צו כאַפּען דעם מערדער. און אום דעם מערדער צו בעשטראָפען פאַר זיין פערברעכען, מוז מען איהם דאָך ערשט זוכען. ווען מען וועט איהם אָבער געפינען, דאַן קריעגט איהר אייער קינד צוריק. איך גיב אייך מיין עהרענוואָרט דאַריעבער. נו, נענוג, גענוג, הערט אויף, לאָזט מענשען טהון זייער ארבייט."

דיא אַלטע האט איהם אנפאַננס אָנגעקוקט אונפערשטענדליך, דאַן האט זיא אויסגעזעהען צו בעגרייפען, און א ווילדער צאָרן האט זיא בעהערשט.

„אלזאָ, מען וועט איהם ערשט כאַפּען?" האט זיא געפרעגט וויטהענד.

„געוויס! דאס פערשפּרעך איך אייך!"

זיא האט זיך געזעהן הילפלאָז, און אין איהר טרויער, האט זיא פערשטאַנען, אז עס וועט איהר גאר ניט העלפען. זיא האט זיך אלזאָ אויפגעהויבען אום צו לאָזען דיא מענער טהון זייער ארבייט.

דער זשאַנדאַרען קאַפּיטאַן האט אונטערדעסען בעמערקט:

„עס איז דאָך וואונדערבאַר ווארום מען געפינט ניט דיא קליידער פון דער ערמאָרדעטע."

דיעזע ווערטער האבען אריין געשאָסען א נייע אידעע אין דעם בויערן קאָפּ פון דער אַלטער ראָקע, און עס האט אויסגעזעהען, אז זיא האט ערשט דאמאלס דאַריבער ערפאַהרען צום ערשטען מאָל.

„וואו זיינען איהרע זאַכען! יאַ, איהרע קליידער געהערען צו מיר! איך וויל זייא האבען. מען זאָל זייא מיר צוריק געבען. וואו האט מען זייא בע־האַלטען?"

מען האט איהר געמוזט ערקלערען, וויא אזוי מען האט ביז יעטצט אויס־געזוכט יעדען ווינקעל און דאָך דיא קליידער ניט געפונען. אָבער דיעזע ערקלערונג האט אויף איהר געמאַכט א קליינעם איינדרוק. זיא האט דאס בעטראַכט פאַר א שווינדעל, אז מען זוכט זיא אָבצונאַרען, און מיט דערזעלבער הארטנעקיגקייט וויא פריהער, האט זיא געשריען:

„איךְ װיל ניט װיסען! מיר געהערען איהרע קליידער! מען זאָל זײא מיר אָבגעבען!"

װאס מעהר מען האט אָנגעװענדעט זיא צו בערוהיגען, אַלץ שטארקער האט זיא געכליפּעט, געװײנט און געשריען.

צו בעזיטצען דעם טױדטען קערפּער, האט זיא מעהר קיין װאונש נעצייגט, אָבער דיא קליידער האט זיא אונבעדינגט געװאָלט האבען.

עס איז מעגליךְ, אז דאס איז געװען דער װאונש פון ארמוטה און עלענד, װעלענדיג בעזיטצען דיא קליידער, װאס האבען װערטה געהאט 20 סו.

אלס מען האט דעם קליינעם טױטען קערפּער איינגעװיקעלט אין א פּאאר דעקען װאס מען האט געבראַכט פון רענארדעט'ס הױז, און דאן אריינגעלעגט אין װאָגען, האט זיךְ דיא אלטע ראָקע אָנגעפאנגען צו שליידערן צו דער ערד, גלייךְ װיא זיא װאָלט זיךְ װעלען דערהרג'ענען. רענארדעט און דער קאפּיטאן זיינען צוגע־לאָפען, זיא אױפגעהױבען און צוגעהאַלטען.

„איךְ האב מעהר גאר ניט, קיין זאךְ אױף דער װעלט!" האט זיא געשריען. „אלעס פון איהר און מיט איהר איז פערשװאונדען. איךְ האב אפילו מעהר ניט איהר קליינע היטעלע. גאר ניט, גאר ניט, קיין זאךְ, אלעס אװעק גענומען מיט איהר קליינע היטעלע צוזאמען...."

דערװייל איז אָנגעקומען דער גייסטליכער פון דאָרף. דיעזער איז אױךְ געװען א יונגער מענש, אָבער ער האט שוין געהאט גענוג ערפאהרונג אונטער דער ארמער קלאַסע. ער האט עס גענומען אױף זיךְ אװעקצופיהרען פרוי ראָקע און זיא בע־רוהיגען.

ער האט אָנגענומען איהר האנד, גערעדט בערוהיגענד און טרייסטענד, און זיא האט אָנגעהױבען איהם נאכצוגעהען אין דער געגענד פון דאָרף. אונטער דיא צוקער־זיסע װערטער פון דעם גלח, האט אָנגעפאנגען דער מוטער־שמערץ זיךְ צו לינדערן. דאס האט אָבער ניט פיעל געדױערט, דען צייטענװייז האט זיךְ נאךְ אימער אױסגעבראָכען אין א געשרייא און יאָמער:

„װען איךְ זאָל באַטש האבען איהר קליינע היטעלע! װעה איז מיר, װיא דאס װאָלט מיךְ געטרייסט.... איהר קליינע היטעלע!"

דאס היטעלע האט אלזאָ ערזעטצט בייא איהר אין קאָפּ אלעס אנדערע. קיין זאךְ האט איהר מעהר אזױ פיעל געפעהלט, װיא דאס היטעלע, און דערפון איז זיא כמעט אומגליךְ געװען אָבצורװענדען.

רענארדעט האט אונטערדעסען נאכגעשריען דעם גייסטליכען:

„פערגעסט ניט, מאַנסיע לע אבע, אז איהר וועט מיט אונז עסען פריהשטיק.“

דער פריעסטער האט זיך אומגעווענדעט און געענטפערט:

„עס איז מיר זעהר אנגענעהם, מאַנסיע, זעהר אנגענעהם! אום 12 אוהר וועל איך בייא איך זיין.“

דערמיט האבען אַלע ארבייטען וועגען דעם מאָרד, אויסגעזעהען געשלאָסען. מען האט אָנגעפאנגען צו געהען נעבען דעם ברעג פון דער ברונדילכע, פון וואַנען מען האט געקענט זעהען פון וויטען, ארויס שטעקענדיג דעם שפיטץ פון טהורם אין דער גרויסער און גרויער געביידע.

מונטער, לעבעדיג און לוסטיג איז דיא געזעלשאַפט אהין אַנגעקומען, און מען האט זיך געזעצט צו טיש מיט א גאנץ גוטען אפעטיט. נאכדעם וויא דער ערשטער הונגער איז געשטילט געוואָרען, האט מען זיך שוין ניט געאיילט. עס האט זיך דאן ענטוויקעלט א געשפרעך איבער דעם מאָרד, און אַלע אנוועזענדע האבען אייגנגע־שטימט, אז דער מאָרד איז ניט געווען קיין גטפלאַנטער, זאָנדערן א גאנץ צופע־ליגער. דאס הייסט, דאס מעדכען האט זיך געבאָדען אין דער ברונדיללע, דאן איז עפעס א פארבייגעהענדער לומפ אָנגעקומען, זיא געזעהען ארויס קומענדיג, און ער האט זיא פערגוואלטיגט. מורא האבענדיג ענטדעקט צו ווערען, האט ער אויך דיא אונגליקליכע דערוואָרגען.

דאן האט יעדער גענומען אבשיעד, און דיא בעאמטע האבען צוריק געקעהרט נאך רואי מיט דעם פערשפרעכען, אז אין עטליכע טעג ארום וועלען זייא ווידער ערשיינען.

דער ארצט און דער גייסטליכער, איינוואָהנער פון דאָרף, זיינען אויך אהיים געגאנגען, און רענארדעט איז ארוים אביסעל שפאצירען אויף׳ן פעלד, דאן אין וואלד, און איז אזוי צוגעקומען צו דעמזעלבען פלאטץ וואו דער מאָרד איז געשעהען. ער האט אַרום שפאצירט הין און צוריק, מיט דיא הענד אויף זיין רוקען, ביז אבענד, און דאן האט ער צוריק געקעהרט אהיים.

ער האט זיך אונגעוועהנליך פריה געלעגט שלאָפען און האט אוועק גע־בראָפעט ביז שפעט אויף׳ן אנדערן מאָרגען. דאן האט מען איהם אויפגעוועקט, אַנציינענדיג, אז דער אונטערזוכונס־ריכטער איז געקומען.

רענארדעט׳ם געזיכט האט דערבייא אביסעל פרלוירען פון דער געוועהנליכער

רויטע פארב, אָבער ער האט זיך אונטערדעסען אָנגעצויגען זיינע קליידער און איז אריין אין עמפפאנגס־צימער.

דער ריכטער האט זיך געריבען די הענד און געוויזען א צופריעדענע מיענע אויף זיין געזיכט.

„אזוי גאר, איהר זייט נאך געשלאָפען!“ האט דער ריכטער אויסגערופען. אָבער מיר רוהען ניט. ווייסט איהר, מיין פריינד, אז מיר האבען שוין היינט זעהר וויכטיגע נייעס?“

רענארדעט האט זיך פאָלקאָמען בערוהיגט און געפרעגט גלייכגילטיג:

„נייעס? וואס איז דאס פאר א נייעס?“

„אך! מערקווירדיגע נייעס! איהר געדענקט דאָך געוויס, וויא די אלטע ראָקע האט נעכטען געהאַלטען אין איין וויינען איבער איין אנדענקען פון איהר קינד, דאס היטעלע. גוט אלזאָ, שטעלט זיך פאָר: היינט פארטאָג, וועהרענד די אונגליקליכע מוטער האט געעפענט די טהיר פון איהר וואָהנונג, איז זיא נאך מעהר וויא איבערראשט געוואָרען. גראַדע נעבען דער שוועל האט זיא ערבליקט שטעהענדיג די הילציגערנע שיכלעך וואס איהר טאָכטער האט געטראגען. זיא האט מיר באלד דאריבער מיטגעטהיילט, און איך בין געקומען צום בעשלוס, אז דאס פערברעכען איז בעגאנגען געוואָרען פון יעמאנד, וואס געפינט זיך נאך דאָ אין דער געגענד. נאך מעהר, דער מערדער מוז זיין אזעלכער, וואס האט מיטלייד געהאט מיט דער מוטער, וועלכע האט פערלאנגט איין אנדענקען פון איהר קינד, און ער האט איהר אָבגעבראכט די שיכלעך זיך צו טרייסטען. אויסער דעם האט מיר געבראכט דער בריעף־טרעגער מעדעריק, דעם פינגערהוט, דאס נאָדעלטעשעל און דאס מעסער׳ל פון דער טויטע.

„דאס בעווייזט אויך, אז דער מאַן וואס האט אוועק געטראגען די קליידער, האט וועהרענד דעם געלאָזען ארויס פאלען דיעזע קלייניגקייטען פון די קעשענעס. דאס וויכטיגסטע אָבער, וואס איך בעטראכט, איז דאס צוריק ברענגען פון די שיכלעך. עס בעווייזט, ערשטענס, אז דער מערדער איז געריהרט געוואָרען פון דער מוטער׳ס וועהקלאגען, און צווייטענס, אז ער איז געוועזען בייא דער אונטערזוכונג. איך בין צו אייך געקומען זאגען, דאס ווען איהר בעטראכט דאס פיר רעכט, וועלען מיר מאכען א נייע אונטערזוכונג אונטער אלע איינוואָהנער פון דער געגענד.“

רענארדעט האט אפילו אויסגעזעהען פעראינטערעסירט, נאָר אונטערדעסען האט ער אן זיך אליין אויך ניט פערגעסען. ער האט אָנגעקלונגען, א דיענער איז ערשיענען און ער האט בעשטעלט ווארעמעס וואסער צום ראזירען זיך.

„דאס וואס איהר דערצעהלט מיר,“ האט רענארדעט געזאגט זיך ווענדענדיג צום ריכטער, „איז מערקווירדיג, און אָהנע צווייפעל זעהר אינטערעסאנט. אָבער טראָטץ דעם אַלעמען, זעה איך ניט איין וויא אזוי מען קען דעם מערדער ענטדעקען. איבריגענס וויל איך ניט אָבלייקענען, אז עס געבען שוין גוטע שפּורען, אָבער עס דאַרף נאָך נעהמען א היבשע צייט ביז מען זאָל דעם ציעל ערזייכען.“

דער דיענער האט דערווייל אריינגעבראכט וואסער.

מאָנסיע פּיטאָאַן האט זיך געמאכט גאנץ בעקוועם און זיך געזעטצט אויף א שטוהל, ווען ער האט אויסגעבויגען מיט זיין רוקען און זיך געוויענט הין און צוריק.

רענארדעט האט צוגענומען דאס וואסער פון דעם דיענער, אריינגעלעגט א שטיקעל זייף, און דאן מיט א בערשטעל דאס צושלאָגען און געמאכט א גרויסען שוים און אָנגעפאנגען זיך איינצורייבען זיין מאָרדע, קוקענדיג אין שפּיעגעל. נאכדעם האט ער גענומען דאס ראזיר־מעסער, עטליכע מאל אָבגעגלעט אויף א רימען און דערווייל געזאגט:

„בייא דער אונטערזוכונג פון דיא איינוואָהנער, מוזען מיר אָנפאנגען רענגעמעסיג. דער ערשטער, דאס הייסט, דער הויפּט איינוואָהנער פון קאַרוועלין, איז יאָזעף רענארדעט, פּאָליטיקער, בעאמטער, רייך און איז גוטס־בעזיטצער. דערצו בעהויפּטעט מען, אז ער איז א גרויסער גראָביאן, ניט נאָר איינעם, נערשלאגען......“

דער אונטערזוכונגס־ריכטער האט אויסגעבראָכען אין א מונטערעם געלעכטער.

„איין אויסגעצייכענטע בעשרייבונג,“ האט ער געזאגט נאָך אימער לאַכענדיג. „אַלזאָ, דאס איז דער ערשטער. יעטצט לאָמיר געהען ווייטער. ווער איז דער אנדערער?“

„דער צווייטער און הויפּט וויכטיגע פּערזאָן, איז מאָנסיע פּעללעדאַן, בהמות ערציהער, אויך א רייכער גוטס־בעזיטצער, איין איינגעשפּארטער בויערן קאָפּ, האט ליעב צו בייסען הינטערוויילעכס, און וואס עס אנבעטרעפט געלד, וואָלט ער זיך בעסער געלאָזען אויפהייגנגען איידער אויסצוגעבען א פראנק. אָבער, לויט נאָך מיין אנזיכט, איז ער אבסאָלוט אונפעהיג צו בעגעהען אזא שוידערהאַפטעס פערברעכען.“

דארויף האט מאנסיע פיטאן בעמערקט:

„און ווער איז דער נעכסטער?“

אין דערזעלבער צייט, האט זיך רענארדעט אבגעראזירט, זיך ארום געוואשען און דאן געענטפערט:

„מיר וועלען באלד זעהען דאס אלעס צו ברענגען אין ארדנונג.“

ער האט זיך אנגעצויגען און ביידע זיינען אריין אין זיין שרייב־צימער. דארט האבען זייא דורכגעזיפט אלע איינוואהנער, בעשפראכען גענוי יעדענס כאראקטער, און צו ענדע זיינען זייא געבליבען בייא די נעמען פון דרייא פערדעכטיגע פערזאנען, וואס זיינען אימשטאנדע געווען אזא פערברעכען צו בעגעהען.

איינער פון דיעזע איז געווען א בעקאנטער יונגער מיט דעם נאמען סאוואלל, דער צווייטער, א קרעבס־פישער מיט דעם נאמען פאקע, און דער דריטער, איין אקסען־טרייבער מיט דעם נאמען קלאוויס.

איבער דיעזע דרייא האט זיך דער אונטערזוכונגס־ריכטער פערצייכענט אלע זייערע גוטע און שלעכטע אייגענשאפטען און איז אוועק מיט דעם ענטשלוס גוט נאכצופארשען איבער יעדען בעזונדער.

פיערטעס קאפיטעל.

דיא געריכטליכע אונטערזוכונגען האבען געדויערט דעם גאנצען זומער. אבער דעם פערברעכער, דאס הייסט, דעם מערדער פון דער קליינער ראקע, האט מען נאך אלץ נים געפונען.

דיא פערזאנען, אויף וועלכע מען האט געהאט א פערדאכט און זייא ארעס־טירט, האבען זיך ארויס געוויזען אלס פאלקאמען אונשולדיג, נאכדעם זייא האבען גענוי אנגעצייגט וואו זייא זיינען געווען אקוראט צו יענער צייט, ווען דער מארד איז בעגאנגען געווארען.

נאטירליך זיינען אזעלכע פעללע נים זעלטען, און עס האט שוין אונצעהליגע מאל פאסירט וואס עהנליכע מארד־טהאטען זיינען בעגאנגען געווארען און מען האט דעם מערדער נים געקענט געפינען. אויך יעטצט איז דאסזעלבע געווען, דער פראק־קוראר האט איינגעזעהן אז יעדע אנשטרענגונג איז איין אומזיסטע ארביים און מען האט אויפגעגעבען דאס זוכען פון דעם שולדיגען.

עס איז מערקווירדיג מיט דער מענשליכער נאטור. אמאל מאכט זיך, וואס א מענש ווערט ערמארדעט, מען זוכט דעם מערדער און מען געפינט איהם נים,

און מיט א קורצע צייט שפּעטער, ווערט אלעס פערשוויעגען און פערגעסען. מיט דיעזען מאָרד איז אָבער געווען גאנץ אנדערש, במעט דאס גאנצע לאנד האט דער־מיט געקלונגען. מען האט גאר ניט אויפגעהערט דאריעבער צו רעדען.

איבערהויפּט, נאטירליך, האט דיא בעפעלקערונג פון דער אומגעגענד גאר ניט אויפגעהערט צו דענקען און רעדען דאריעבער. עפּעס האט זיך אויף יעדענס געזיכט אָבגעלעגט א מיענע פון שרעק, אנגסט, און א געהיימניספאָלע פורכט האט זיך בייא יעדען איינקוואַרטירט.

„וואס זאָל דאס זיין?" האט יעדער געפרעגט.

„ווער קען זיין דער מערדער?"

„ער איז אונטער אונז."

„קיין צווייפעל דאריבער."

„דיא געשיכטע מיט דיא הילצערנע שיף בייא דער טוטער'ס טהיר, איז נאך מעהר וויא געהיימניספאָל."

אָט אזעלכע רייד און טענות האבען גאר ניט אויפגעהערט צו בעשעפטיגען דיא איינוואָהנער.

דיא געוויסהייט, אז דער מערדער האט בייגעוואָהנט דיא אונטערזוכונג, גע־ריהרט געוואָרען פון דער אַלטער ראָקע'ס שמערץ און דאָן, צווישען אלע איינ־וואָהנער, אוועק און צוגעשטעלט דיא הילצערנע שיבלעך בייא דער אלטער'ס טהיר, האט קיינעם ניט געלאָזען רוהען. מאנכע מאל איז עס אזוי ווייט געקומען, אז איינער האט פערדעכטיגט דעם צווייטען, און ניט נאָר איינער האט בעהויפּטעט, אז ער האט געוויס היינט אָדער נעכטען געשפּראָכען מיט דעם געהיימניספאָלען מערדער.

דיא דומהייט האט אויך ניט וועניג איינפלוס געהאט. במעט אלע איינ־וואָהנער האבען דאָרט געגלויבט אין שדים און רוחות, און פיעלע פון זייא האבען דערציעהלט ווילדע חלומות, איבער וואכענדע פאנטאזיען און שוידערהאפטע עראייגניסע, וויא אזוי דיא ערמאָרדעטע ערשיינט און טייטעלט מיט דיא פינגער אין פערשיעדענע זייטען, אָנצוצייגען וואו איהר מערדער געפינט זיך.

איבערהויפּט, האט מען ניט געוואגט צו בעטרעטען דעם פּלאטץ אין וואלד וואו דער מאָרד איז געשעהען. עטליכע פרויען האבען דערציעהלט, דאס זייא האבען געזעהען דאָרט, פון גאנץ ווייט, גייסטער ארום טאנצען.

אמאל, מיט צייטען צוריק, פלעגען דיא איינוואָהנער פון דאָרף, אהין געהען שפּאַצירען זונטאג נאכמיטאג, זיך זעטצען אין דעם שאטען פון דיא מעכטיגע בוימער, אויף דעם שעהנעם און ווייכען גראָז, אָדער געהען נעבען ברעג פון וואסער. אויף אנדערע שטעלען אין דערזעלבער וואלד־געגענד, פלעגען דיא קינדער זיך אונ־טערהאלטען מיט פערשיעדענע שפּיעלערייען, און אביסעל טיעפער וואו דיא בוימער זיינען געווען געדיכטער, האבען דיא עלטערע מיידלעך ליעב געהאט צו זיטצען און זינגען ליעדער, און דיא בחורים זאָלען זייא דאָרט אויפזוכען. איבערהויפּט, איז דאָרט געווען איין אויסגעצייכענטער פּלאטץ זיך צו באָדען אין דער ברינדילע, ווייל דער ברעג איז געווען זעהר זאמדיג.

אָבער זייט דעם מאָרד, דאס הייסט, נאכדעם וויא מען האט דיא ער־מאָרדעטע פון דאָרט אוועק גענומען, האט קיינער מעהר געוואגט יענע שטעלען צו בעטרעטען. עס האט אויסגעזעהען, גלייך וויא יעדער האט ערוואַרטעט דאָרט צו טרעפען א טויטען, און וועלכער איינגעבילדעטער און אבערגלויבישער מענש האט דאס ניט מורא פאר א טויטען מעהר וויא פאר א לעבעדיגען?

דער הערבסט איז ערשיענען.

דיא בלעטער האבען אָנגעהויבען געלב און רויט צו ווערען אויף דיא צווייגען פון דיא בוימער. דיא קעלט איז געוואָרען גרעסער, און דיא בוימער האבען אָנגע־הויבען פון זיך אַרונטער צו וואַרפען זייערע זומערדיגע קליידער, ביז מען האט שוין געקענט דורך דיא צווייגען דורכבליקען דעם הימעל.

אין יענער געגענד איז דער שטורם מאנכע מאל זעהר שטארק. ער ערשיינט מיט גרויסער געוואַלט, רוישט, קראַכט און פיהרט מיט זיך אמאל א פירכטערליכען רעגען.

אין אזעלכע צייטען, איבערהויפּט אבענד, ווען יעמאנד פון דיא איינוואָהנער איז געווען אין דרויסען, האט זיך איהם געדאכט, אז ער הערט דער קליינער ראָקע׳ס שטימע זיך דורכרייסענדיג דורך דעם שטורם און ווינט, און אָבקלינגענדיג איבעראל מיט א וועהמיטהיגען קלאנג־טאָן.

דיא רעגענס זיינען אין יענעם הערבסט געווען זעהר גרויס, און עס האט מאנכע מאל געדעגענט 36 שטונדען דורכאנאנד.

דיא ברינדילכע האט געפלאָסען שנעלער וויא געוועהנליך און מיטגעשלעפּט הויפענס מיט בלעטער פון וואלד. דאן האט זיך דאס וואסער צוגאָסען אויףביידע ברעגעס און האט געזוישט און געוויטהעט מיט א גרויסער געוואלט.

איין אונמוטה און א פחד איז געפאלען איבער אלע איינוואהנער, און ניט נאר קינדער מיט פרויען, זאנדערן גאנץ גרויסע מענשען האבען זעלטען געוואגט אבענד, אין דער פינסטער, זיך צו ווייזען אויף דער גאס. די בעשטענדיגע רעדען איבער דער טויטער און גייסטער, האט אין יעדען אריינגעיאגט א שרעק.

טראטץ דעם אלעמען אבער, האט רענארדעט ווידער אנגעפאנגען פארט־צוזעטצען זיינע בעזוכע אין וואלד וויא עס איז געווען צור צייט ווען דער בריעף־טרעגער מעדעריק האט איהם מיטגעטהיילט איבער דעם מארד.

דאס מערקווירדיגע דערבייא אבער, איז, וואס רענארדעט איז אהין ניט געגאנגען גראדע בייא טאג, זאנדערן בייא נאכט, און ווען עס איז געווען אם פינסטערסטען.

ווען עס איז גוט טונקעל געווארען און רענארדעט האט זיך איבערצייגט, אז זיין דיענערשאפט איז שוין פערטיג מיט דער ארבייט, איז ער ארויס פון זיין הויז, ארונטער דיא טרעפען פון דער ווערענדא מיט לאנגזאמע שריטע, און פערזונקען אין געדאנקען, מיט דיא הענד אין זיינע קעשענעס, איז ער אוועק און פערשוואונדען געווארען צווישען דיא בוימער.

א היבשע צייט האט ער געוואנדערט איבער דעם פייכטען און ווייכען גראז, און האט וועהרענד דעם אויסאנאנדער געטריעבען א גאנצע מחנה וואראנעס, וועלכע זיינען אהין געקומען נעכטיגען פון א בענאכבארטער געגענד. דא ליעגט א נאכט־איילע טרויעריג, געווארטשעט ערגיץ אויף א צווייג און איהר ווידער־קול האט שוידערהאפט אבגעקלונגען אין וויטען און איינזאמען וואלד.

רענארדעט האט געוואנדערט אין דיעזער אונהיימליכער געגענד, גלייך וויא יעמאנד וואלט איהם אנגעטריעבען. מאנכע מאל האט ער פאר שרעק אויפגע־ציטערט און זיין גאנצער ריעזיגער קערפער האט א טרייסעל געטהאן.

ער האט געקענט אזוי לאנג וואנדערן, אהן ציעל און אהן ריכטונג, ביז שפעט אין דער נאכט, ווען זיינע פיס זיינען אונגעהייער מיעד געווארען און ער האט גע־מוזט צוריק קעהרען אהיים.

צוריק געהענדיג אהיים, איז ער אימער שנעלער געגאנגען, זיך מעהרערע מאל אומגעקוקט אויב יעמאנד געהט איהם ניט נאך און צייטענווייז ארויס געלאזען א שווערען זיפץ, פאר וועלכען ער האט זיך אליין מעהרערע מאל דערשראקען.

ווען ער איז ענדליך אנגעקומען אהיים, איז ער אריין אין זיין צימער, וויא געוועהנליך דורכגענעטצט פון רעגען, זיך אוועק געזעטצט אין א ברייטען שטוהל,

גענענאיבער דעם מונטערן פייער אין קאמין. זיינע קאלטע און נאסע פיס האט ער צוגערוקט נעהנטער צום פייער און דיא היטץ האט אנגעפאנגען אויסצודאמפפען דאס וואסער פון זיינע קליידער.

אין דיעזען צושטאנד האט ער געקענט אבזיטצען שטונדען־לאנג, ביז ער איז איינגעדרעמעלט, אבער ער האט וויא געוועהנליך ערוואכט מיט א ציטער.

פינפטעס קאפיטעל.

אין א פריה־מארגען האט זיך פערברייטעט א וויכטיגע נייעס איבער דעם דארף. רענארדעט האט געמליך בעשלאסען צו לאזען אויסהאקען זיין וואלד.

„איז ער משוגע געווארען?“ האט איין בויער געפרעגט.

„צו וואס טהוט ער דאס?“

„ער איז איינפאך פעררוקט.“

אזוי האבען דיא בויערן צווישען זיך גערעדט, און דערוויל זיינען שוין ער שיענען צוואנציג האלץ־העקערס צו דער ארבייט.

דיא האלץ־העקערס האבען גענומען דעם אויפטראג, אנצופאנגען זייער ארבייט פריהער נעבען רענארדעט׳ס הויז און פון דארט, פאר אלעמען, אויסהאקען דיא בוימער.

רענארדעט איז אליין געשטאנען דערבייא, און אונטער זיין פערזענליכער אויפזיכט, האט אנגעפאנגען דיא ארבייט.

דיא ארבייט האט אנגעפאנגען גאנץ רעגעלמעסיג. איין האלץ־העקער איז וויא געוועהנליך ארויף געקראכען אויף א בוים, אויבען צוגעבונדען א דיקען שטריק און דאן ארונטער געווארפען דעם שטריק צו זיינע קאמעראדען. דיעזע האבען דעם שטריק אויפגעהויבען און צוגעבונדען צו דעם ווארצעל פון איין אנדערן בוים, גאנץ פעסט איינציהענד, זא דאס דער שטריק איז געבליעבען אויסגעצויגען וויא איין אייזערנע שטאנג.

נאכדעם האט אנגעפאנגען דיא ארבייט פון אונטערזעגען. צוויא האלץ־העקערס האבען זיך אוועק געשטעלט מיט א שארפען זעג און אנגעפאנגען צו שניידען דעם בוים. וואס מעהר מען האט איהם איינגעשניטען, אלץ מעהר האט ער זיך אויסגעבויגען צו דער זייט וואוהין דער שטריק האט איהם געצויגען, און ענדליך, ווען ער האט זיך שוין מעהר ניט געקענט האלטען, איז ער אומגעפאלען מיט א פירכטערליכען קראך.

צו יעדער צייט, וואס א בוים האט בעדארפט אומפאלען, האט איינער פון די ארבייטער אויסגעשריען מען זאל זיך היטען, און דאן איז דער בוים אומגעפאלען, אהנע יעמאנדען צו שאדען.

אויף דיעזער ארט איז די ארבייט יעדען טאג פארטגעזעטצט געווארען, און דער וואלד, גראדע ווי איין ארמע וואס פערלירט סאלדאטען, איז פון צייט צו צייט קלענער געווארען.

רענארדעט האט אויסגעזעהען שטארק פעראינטערעסירט מיט דיעזער ארבייט, און ער איז פון דער פריה ביז נאכט געשטאנען דערביי און אויפגעפאסט איבער יעדער בעוועגונג. אין דערזעלבער צייט האט ער אויסגעזעהען גאנץ גלייכגילטיג ווי זיין הערר'ליכער וואלד ווערט הינגעריכטעט.

ווען מען האט א בוים אבגעשניטען און אומגעווארפען, האט ער ליעב געהאט אויף איהם ארויפצושטעלען א פוס און איהם בעטראכטען. דאן האט ער געווענדעט זיין בליק צו די אנדערע בוימער, מיט איין ארט שטילער אונגעדולד, גלייך ווי ער וואלט שוין ניט געקענט אזוי פיעל ווארטען אויף זייער פערניכטונג.

אזוי ארבייטענדיג, האט מען זיך דערווייל דערנעהנטערט צום פלאטץ וואו די קליינע ראקע איז געפינען געווארען ערמארדעט.

עס איז געוועזען אין א פארנאכט, צווישען זונען־אונטערגאנג און נאכט, ווען מען האט יענע שטעלע דערגרייכט.

אזוי ווי עס האט אנגעהויבען פינסטער צו ווערען און דער הימעל האט זיך אויף אביסעל פערוואלקענד, האבען די האלץ־העקערס געוואלט בלייבען שטעהען מיט זייער ארבייט. זיי האבען געהאלטען אקוראט אין מיטען זעגען א גרויסען בוים, אבער, לויט זייער אויסרעכנונג, האבען זיי דאס דאמאלס שוין ניט געקענט אבפערטיגען און געוואלט איבערלאזען אויף מארגען.

רענארדעט האט געהערט פון זייער בעשלוס און זיך דאגעגען געשטעלט.

„וואס איז דאס מארגען ?" האט ער געפרעגט. „ווארום ניט היינט, שוין ? זייט ניט אזוי פויל און מאכט פערטיג וואס איהר האט אנגעפאנגען."

דער בוים איז געוועזען אונגעהייער גרויס און דיק, און ער האט מיט זיינע צווייגען, לעטצטען זומער, געבילדעט א שאטען איבער דעם פלאטץ וואו דער מארד איז בעגאנגען געווארען.

נאטירליך האט מען ניט געקענט ווידערשפרעכען רענארדעט'ן, און די ארבייטער האבען זיך גענומען אום דעם בוים צו שטירצען. מען האט נאך ווייטער

געזעגט, אָבער ער איז דאָך ניט געפאַלען. ער איז געווען צו שטאַרק דאַפיר, און וואַהרשיינליך אויך ניט גענוג איינגעזעגט.

אום שנעלער פערטיג צו ווערען, זיינען צוגעגאַנגען צוויא מענער צו דעם צווייטען בוים וואו דער שטריק איז געווען צוגעבונדען, און ווייטער אָנגעפאַנגען איינצוציהען מיט אַלע זייערע קרעפטען. אַ פּאַאַר אַנדערע האָבען זיך געשטעלט נעבען דיא זעגערס, צוגעשפּאַרט זייערע ברייטע שולטערן און געשטופּט דעם בוים אום ער זאָל שנעלער פאַלען.

רענאַרדעט איז אויך צוגעגאַנגען, וואַהרשיינליך העלפען. אָבער זיין הילפע האָט ער אָנגעווענדעט אויף אַ מערקווירדיגער אַרט. דאָס הייסט, אַנשטאַט צו שטעהען דאָרט וואו מען האָט געזעגט אום צו שטופּען דעם בוים, האָט ער זיך אַוועק געשטעלט פון דער אַנדערער זייט און געלייגט זיין האַנד אויף דעם דיקען וואַרצעל.

איינער פון דיא האָלץ־העקערס האָט דאָס בעמערקט און אויסגערופען וואָרנענדיג:

„מאָנסיע רענאַרדעט, ענטשולדיגט מיר! איהר מוזט פון דאָרט אַוועק געהען. איהר שטעהט זעהר אויף אַ שלעכטען פּלאַטץ. ווען דער בוים זאָל אומ־פאַלען, קען ער אייך נאָך אונגליקליך מאַכען.“

רענאַרדעט האָט איהם צוגעוואָרפען איין אונפערשטענדיגען בליק, דאַן האָט ער אָבגעווענדעט זיינע אויגען פון דעם רעדנער און געשוויגען, זיך ניט ריהרענדיג פון דעם פּלאַטץ.

פּלוצלינג האָט דער בוים, דאָרט וואו מען האָט איהם געזעגט, זיך געגעבען אַ בראָך אָדער אַ ריס, וואָס האָט אויסגעזעהען וויא אַ שמערצענס־געשרייא אַרויס שטויסענדיג פון דעם אַלטען בוים. דאַן האָט זיך זיין אויבערער טהייל מעהר צו־געבויגען צו דער זייט פון דעם שטריק, און האָט אויסגעזעהען בערייט אומצופאַלען. אָבער אַזוי שנעל האָט דער אַלטער ריעז זיך נאָך ניט אונטערגעגעבען; ער האָט געמוזט פאַלען שווער קעמפּפענדיג.

„נאָך אביסעל איינשניידען!“ האָט איינער בעפוילען.

„קום אהער זשאַן!“ האָט אַ דריטער געשריען. „העלף מיר מעהר איינציהען דעם שטריק.“

דיא זעג האָט אָנגעפאַנגען איהר אַרבייט, און אין עטליכע סעקונדען אַרום האָט זיך געהערט אַ צווייטער קראַך.

רענארדעט איז אָבגעשפּרונגען פון נעבען בוים, געמאַכט עטליכע שריט ריקווערטס, און איז געבליעבען שטעהען אקוראט היגטער דעם פאַלענדען בוים. עס איז געווען דיא פּאָזיציאָן פון א מאַן וואס האט זיך פאַרבערייטעט צו עמפּפאַנגען דעם טויטליכען קלאַפּ, פון וועלכען ער מוז צערשמעטערט ווערען.

א פּאאר ארבייטער האבען ארויס געשטויסען א דערשראָקענעם און ערשטויגטען „אך!“

דאַן האט געפּאָקנט דער דריטער און שטאַרקעסטער קראַך, און מיט דעם אויף דער בוים.

אָבער, מערקווירדיג, וויא דורך א וואונדער, האט דער בוים געמאַכט א לייכטע ווענדונג אויף א זייט, און איז געפאַלען אביסעלע ווייטער פון רענארדעט'ן. אונטערדעסען האבען איהם געטראָפען דיא צווייגען, וועלכע האבען איהם ניעדערגעשמעטערט צו דער ערד.

ווען דיא ארבייטער האבען דאס דערזעהען, זיינען זייא שנעל צוגעלאָפען איהם אויפצוהייבען. אָבער רענארדעט האט זיך אליין אויפגעשטעלט אויף זיינע קניען, וואו ער איז געבליעבען שטעהען בעטויבט און פערווירט מיט א ווילדען בליק אין זיינע אויגען. ער האט צוגעליינט דיא האנד צו זיין שטערען, זיך געריבען און עפּעס געווישט, גלייך וויא ער האט זיך געוואָלט אָן עפּעס ערינערן.

דיא מענער זיינען געבליעבען שטעהען ארום, און רענארדעט האט זיך נאך איין אנשטרענגונג אויפגעשטעלט אויף זיינע פיס.

יעדער פון דיא ארבייטער איז געווען פערוואונדערט און איבערראַשט, און זייא האבען ניט בעגריפען וואס עס איז געשעהען.

„אָבער, מאָנסיע רענארדעט,“ האט איינער ענדליך געפרעגט, „וויא קומט איהר אהער? איהר האט דאָך געזעהען וויא דער בוים פאַלט?“

רענארדעט האט אנפאנגס עפּעס געשטאַמעלט אונפערשטענדליכעס, נאָר נאָך א פּויזע, האט ער אויסגעזעהען צו פאסען מוטה, און מיט א געצוואונגענעם שמייכעלע האט ער געענטפערט:

„אָט האָב איך געמיינט, אז איך בין נאך א קינד, א יונגעל, און איך וועל קענען שטעהען ביז דער בוים פאלט, און זאָפאָרט ארויס שפּרינגען פון געפאהר. אָבער עס איז מעהר ניט יענע יאָהרען, דיא יוגענד איז פערשוואונדען, און אויף דער עלטער פערלירט מען דיא לייכטיגקייט פון דעם קערפּער.“

אלע האבען געשוויגען, און ער האט פארטגעזעטצט מיט א געצוואונגענער מונטערקייט:

„עס איז אלזא געווען א דומהייט פון מיין זייט, הא?"

דיא ארבייטער האבען עפּעס בעמערקט וואס ער האט ניט געהערט, און דאן האט ער זיך אָבגעווענדעט און אָנגעפאנגען אהיים צו געהען אנזאגענדיג דיא מענער:

„מאָרגען, מיינע פריינדע! מאָרגען צור ארבייט!"

זעקסטעס קאפּיטעל.

זאָ שנעל וויא ער איז צוריק געקומען אהיים, האט זיך רעגארדעט געזעטצט בייא זיין טיש, וואו עס איז געשטאנען א לאָמפּ מיט א גרויסען שירם ארום אום ארונטער צו שלאגען דאס ליכט. ער איז געזעסען עטליכע מינוטען און געבליקט צום העללען ליכט, דאן האט ער ארויף געשטעלט ביידע עללענבויגענס אויף'ן טיש, אריינגעלייגט זיין קאָפּ צווישען ביידע דאָלאָניעס און אָנגעפאנגען העפטיג צו וויינען.

ער האט געוויינט א לאנגע צייט, ביז עס האט אויסגעזעהען, אז זיינע אויגען האבען מעהר קיין טרערען. ער האט אויפגעהויבען דעם קאָפּ, זיך אויסגעריבען דיא אויגען און א בליק געגעבען אויף דער וואנט־אוהר געגענאיבער איהם.

עס איז נאך ניט געווען דיא צייט פון נאכטמאָהל.

„פאר'ן עסען האב איך נאך צייט," האט ער געמורמעלט גאנץ שטיל צו זיך אליין.

ער האט זיך אויפגעהויבען, צוגעגאנגען צו דער טהיר, גענומען און איז ארויס אין הויף. דאָרט האט ער פאָרזיכטיג צוגעשלאָסען דעם טויער און צוריק געקעהרט אין הויז.

ווען ער איז ארויף געקומען אין צימער, האט ער זיך ווידער געזעטצט בייא זיין שרייב־טיש, ארויס געצויגען דעם מיטעלסטען שופלאָדען און פון דאָרט ארויס גענומען א רעוואָלווער, זעהר פיין אָבגעפוצט, וועלכער האט שטארק געגלאנצט אין שיין פון לאָמפּ. ער האט דעם רעוואָלווער בעטראכט און לאנגזאם אוועקגעלייגט אויף דיא פאפּירען פון דעם טיש.

דאס בלאנקע שטאָהל פון דעם רעוואָלווער האט געגלאנצט און פון זיך גע־וואָרפען שטראהלען הין און צוריק.

רענארדעט האט א היבשע צייט בעטראכט דעם רעוואָלווער מיט טריבע און מאטע אויגען, גלייך וויא ער וואָלט געווען בעזויפען. דאַן איז ער פּלוצלינג אויפגעשטאנען און אָנגעפאנגען צו לויפען.

ער איז געלאָפען פון איין עק צימער צום צווייטען און האט זיך צייטענווייז אָבגעשטעלט, אום מיט דערזעלבער שנעללינקייט וויא פריהער נאך אמאל צו לויפען.

דאַן איז ער צוגעלאָפען צו דעם קליידער־שראנק, מיט געוואלט אויפגעריסען דיא טהיר, ארויס גענומען א האנדטוך, איינגענעטצט אין א וואסער־קרוג און זיך צוגעלייגט צום שטערען, גראדע וויא ער האט געטהאָן אין יענעם פריה־מאָרגען ווען דער מאָרד איז ענטדעקט געוואָרען.

דאַן האט ער ווידער אמאל אָנגעהויבען צו לויפען וויא א משוגענער איבער דעם צימער.

יעדעס מאָל ווען ער איז פארבייגעלאָפען נעבען טיש, האט ער וויא אונ־ווילענדיג געוואָרפען זיין בליק אויף דעם גלענצענדען רעוואָלווער און זיינע הענד האט זיך קראמפּפהאפט געדרונגען אום צו נעהמען דיא וואפען אין האנד. דאַן האט ער זיך געווענדעט צו דער וואנט־אוהר און געמורמעלט:

„איך האב נאך צייט.“

עס האט געשלאָגען האלב זיבען.

ער האט געגריפען דעם רעוואָלווער אין זיין האנד, אויפגעריסען זיין מויל, ביי וועלכען ער האט אויסגעדריקט א שרעקליכע מיענע אויף זיין געזיכט, אריינ־געשטעקט דיא רעהר פון רעוואָלווער אין מויל, גאנץ טיעף, גלייך וויא ער וואָלט וועלען איינשלינגען דיא וואפען.

אזוי זיינען פאָראיבער עטליכע סעקונדען. ער איז געשטאנען אויף׳ן פּלאטץ, אָהנע ער זאָל זיך ריהרען, דעם פינגער האלטענדיג ביים דריקער פון דעם רע־וואָלווער. אָבער פּלוצלינג האט ער ארויס געריסען דעם רעוואָלווער פון מויל, זיין מעכטיגער קערפּער האט אויפגעשוידערט, און דער רעוואָלווער איז ארונטער גע־פאלען אויף׳ן קארפעט פון דעם פוס־באָדען.

בליפענדיג, וויא א קינד, איז ער אומגעפאלען אויף׳ן זיין שטוהל.

„איך קען ניט! איך קען ניט!“ האט ער געקלאגט. „איך געטרויע עס מיר ניט! מיין גאָט! מיין גאָט! וואס זאָל איך טהון? וואס זאָל איך טהון אום צו האבען דעם מוטה מיר צו נעהמע דאס לעבען!“

עס האט זיך געהערט א קלאפּ אין טהיר.

רענארדעט איז אויפגעשפּרונגען.

א דיענער האט געזאגט:

„דאס עסען שטעהט פּארטיג אויפ'ן טיש. מאַנסיע רענארדעט איז ערזוכט ארונטער צו געהען.“

רענארדעט האט געצעגערט, אָבער דאן האט ער געזאגט:

„גוט, גוט, איך וועל באלד קומען.“

דער דיענער איז אוועק.

רענארדעט האט זיך אָנגעבויגען, אויפגעהויבען דעם רעוואָלווער, און גלייך וויא ער וואָלט מורא געהאט איהם צו האלטען אין דער האנד, האט ער איהם שנעל אריינגעלייגט צוריק אין שופלאַדען. ער איז נאכדעם געבליעבען שטעהען וויא אונענטשלאָסען און ניט געוואוסט וואס אָנצופאנגען.

אזוי טראכטענדיג, איז ער צוגעגאנגען צום פּיער־עקינען שפּיעגעל וואס איז געהאנגען אויף דער וואנט, זיך אָנגעקוקט, און, וויא עס שיינט, איז ער צופריעדען געוועזען מיט זיין אויסזעהען. ער איז זיך זעלבסט ניט פאָרגעקומען אזוי פערענדערט. זיין געזיכט איז נאך אימער געוועזען רויט, און פיעללייכט אביסעל רויטער וויא געוועהנליך. זאָנסט האט קיינע אנדערע ענדערונג איינגעטרעטען.

ער איז ארונטער געגאנגען און זיך געזעטצט צו טיש, וואו דיא שפּייזען זיינען שוין געוועזען פאַרבערייטעט.

ער האט געגעסען לאנגזאם, וויא איינער וואס וויל אזוי לאנג עסען, וויא נאָר מעגליך אום אויסצוציהען דיא צייט. נאך א היבשער צייט, איז ער ענדליך פערטיג געוואָרען, ארויסגענומען א ציגארע, פעררויכערט און העפטיג געצויגען דעם רויך. דאס רויכען איז גראדע געוועזען דער געגענטהייל פון זיין עסען. געגעסען האט ער זעהר לאנגזאם און גערויכערט אונגעהייער שנעל.

וויא ער איז פערטיג געוואָרען מיט דער ציגארע, איז ער ווידער אריין אין זיין צימער.

רענארדעט האט פערשלאָסען דיא טהיר, געבליעבען שטעהען, זיך צו עפּעס איינגעהערט, דאן האט ער זיך אָנגעבויגען, געקוקט אונטער דעם בעט, אויפגעמאכט אלע שראַנקען, אויסגעפאָרשט יעדען ווינקעל, און בעקוקט און בעזוכט דאס מעבעל.

דאן האט ער אָנגעצונדען צוויא גרויסע ליכט וואס זיינען געשטאנען איבער דעם קאַמין. וויא ער איז פערטיג געוואָרען מיט דיזער ארבייט, האט ער זיך שנעל

אומגעדרעהט, גלייך וויא איינער וואס האט פלוצלינג דערהערט יעמאנדען רעדען הינטער זיינע פלייצעס. ער האט נאך אמאל זיך אויסגעקוקט אין צימער, און אויף זיין געזיכט האט זיך אבגעשפיעגעלט אזא מיעגע פון אנגסט און שרעק, זא דאס דיא הויט פון זיין פנים האט דערבייא אויסגעזעהען וויא לעדער.

יא, רענארדעט האט געוואוסט גאנץ גענוי, אז אויך היינטיגע נאכט וועט זיך איהם ווערהאלען דאס שוידערהאפטע ביכד פון דיא לעטצטע נאכט, און דיא קליינע ראקע וועט ערשיינען, — יא, דאס קליינע מיידעל, וועלכע ער האט פערגוואלטיגט און דערווארגען!

יעדע נאכט, מיט א געוויסער רעגעלמעסיגקייט, איז פאר איהם ערשיענען דאסזעלבע שרעקענס־בילד. צום ערשטען מאל האט עס בייא איהם אויסגעזעהען אין שלאף, וויא איין ארט שנארכען, דאן וויא דער גערויש פון א דרעשמאשין, שפעטער וויא דאס שטירמישע פארבייא לויפען פון א שנעלל־צוג אויף א בריק, און גאר לעטצטענס.... איז עס געווארען דאס שרעקליכע זעלבסט.

ער האט געהערט קרעכצען, וועהמיטהיגעס קלאגען, אויסגעמישט מיט א ליארם פון מיליאנען הינט האווקען, און דאס האט ניט נאר איינמאל פערארזאכט, וואס עס האט איהם צוזאמען געצויגען דעם גארגעל. ער האט דערפאר, אימער פאר'ן שלאפען, זיך גוט אויפגעקנעפעלט זיין העמד און נאכגעלאזען דעם גארטעל פון זיינע אונטער־הויזען.

יא, עס איז וואהר, דאס בלוט ווערט פערגליווערט פון שרעק. רענארדעט האט עס ניט נאר איינמאל געשפירט, און אום דאס בלוט ווידער צו זעטצען אין צירקולאציאן, פלעג ער אויפשפרינגען פון בעט, לויפען הין און צוריק אום זיך צו דערווארעמען. דאן האט ער פראבירט צו לעזען, און מאנכע מאל זאגאר אויך צו זינגען. אבער אלעס אומזיסט. קיין זאך האט געהאלפען.

וויא אומזיסען האט זיך אלעס אומגעווענדעט נעגען זיין ווילען, איהם אויף להכעיס. וואס ער האט געטהאן און איבער וואס ער האט געדענקט, האט זיך אנגעפאנגען צו ענטוויקלען און בעווייזען דאס בילד פון יענעם טאג אין וועלכען ער האט בעגאנגען דעם מארד. דיא גאנצע סצענע פון דעם פערברעכען האט זיך איהם פארגעשטעלט אין געדרענגט ניט נאר אין זיינע געדאנקען, זאנדערן אויך פאר זיינע אויגען.

ער האט געזעהען אלע איינצעלהייטען, יעדע קלייניגקייט, און דאס האט אין איין מינוט געקענט אויפקאכען זיין בלוט, וועהרענד אין דער צווייטער פערגליווערן זאגאר זיין מארך.

זיעבעטעס קאפיטעל.

פיעלע שופטען, באנדיטען, פערברעכער, לומפען, רויבער און מערדער, טראגען מאסקעס, און עס געלינגט זייא זיך צו פערשטעלען פאר דער וועלט. זעלטען געלינגט עס זייא אָבער זיך צו פערשטעלען און בעהאַלטען פאר דעם איינענעם געוויסען. אַט דיעזעס געוויסען וועקט, מונטערט, מאטערט און פלאגט מאנכע מאָל פיעל שרעקליכער וויא דיא מארטער־מאשינען פון דיא גרויזאמסטע געפענגניס־פערוואלטער.

ויען רענארדעט איז אויפגעשטאנען אין יענעם מאָרגען, דער מאָרגען פון זיין שרעקליכעס פערברעכען, האט ער אויסגעזעהען און געפיהלט וויא איינער וואס איז ניט געוואָהנט צו שיכרות, ווען דורך א צופאל האט ער זעהר פיעל געטרונקען. רענארדעט האט געשפירט איין אַרט בעטויבונג און א לייכטען קאָפּ־שמערץ. ער האט געוואוסט גאנץ גוט, אז ער האט ניט געטרונקען, און ער האט זיך דאס אלעס ערקלערט, אז עס קומט פון דער היטץ.

ער האט אימער געהאט א טבע, אויפצושטעהען גאנץ פריה, ארויס געהען אין זיין גארטען און זיך מאכען טהעטיג. ער איז אָבער אין יענעם פריה־מאָרגען ניט ארויס געגאנגען, ער איז שוין פערבליעבען אין הויז ביז פריהשטיק.

רענארדעט איז געגאנגען עסען וויא געוועהנליך און נאכדעם האט ער זיך צוגעלייגט אביסעל רוהען. ערשט שפעט נאכמיטאג, איז ער ארויס פון הויז, אום איינצואטהמען דעם פרישען ווינד וואס קרעפטיגט דיא נערווען און ערהאלט דעם גאנצען קערפער. דיעזע אנגענעהמע לופט האט ער געזוכט צו געניסען צווישען דיא געדיכטע אלטע בוימער פון זיין וואלד.

אָבער רענארדעט האט דיעזעס מאל געהאט א טעות. זאָ שנעל וויא ער איז ארויס אויף דער פרייער לופט, האט דיא פרישקייט אויף איהם נאך מעהר געווירקט אום איהם צו בעטייבען. ער האט זיך געשפירט מאט, מרה־שחורה׳דיג, אויפגערעגט און אונצופריעדען מיט זיך זעלבסט און מיט אלעמען ארום זיך.

דיא זונן, וועלכע איז געשטאנען עטוואס ווייטער וויא אין מיטען הימעל, האט ארונטער געשליידערט צו דער פערטרוקענטער און דאָרשטיגע ערד, שניידענדע און ברענענדע שטראהלען. אלעס האט אויסגעזעהען אומעטיג און מאט; זאָגאר דער ווינט האט אויסגעזעהן אָבגעשטאָרבען, דען קיין הויך האט זיך געצייגט, קיין בלעטעל

האט זיך בעוואוינען. אפילו די בריינדעלע האט אויסגעזעהען צו האבען פערלוירען איהר קראפט, זיא האט געפלאסען שלעפעריג און ערמידעט.

רענארדעט האט געשפירט א דריקען און שמערצען אין גאנצען קערפער. איהם האט זיך געדאכט, גלייך וויא א געהיימניספאלע און אונבעקאנטע האנד האט זיך ארונטער געלאזען אויף זיין האלז און איהם צונעשנירט, איינגעצווינגען און איינגעדריקט.

איבער וואס האט ער געדענקט? איבער וואס האט ער געטראכט? איבער וואס האט ער געזארגט?

רענארדעט האט ניט געזארגט, ניט געטראכט און ניט געדענקט. דען ער האט וויא געוועהנליך זעהר ווייניג געדאנקען געהאט אין זיין קאפ.

אבער דאך, האט איהם אונווילענדיג, פערפאלגט, איין איינציגער געדאנק. דאס האט שוין געדויערט איבער א פיערטעל יאהר. עס איז געוועזען דער געדאנק ווידער אמאל צו הייראטהען און נאך אמאל האבען א ווייב.

צו לעבען אליין, איז איהם געווארען שווער און אונערטרעגליך.

רענארדעט'ס איינציגער געדאנק איז געוועזען, צו האבען א פרוי, זיא שפירען נעבען זיך, אימער, זאגאר יעדען אויגענבליק, וויא ער איז געוואהנט געווארען. זיא אומארמען און געברויכען צו יעדער צייט ווען ער האט געשפירט די בעדירפניס פון איהר.

ער האט געשפירט די נויטהווענדיגקייט פון א פרוי, איהר צו בעפעהלען וועגען זיין פערגניגען און רייץ, און לעשען זיין ברענענדען גענוס־דורשט, אין איהרע קישען און צערטליכקייטען.

מיט דעם טויט פון מאדאם רענארדעט, האט ער אנגעהויבען צו ליידען אונגעהייערע שמערצען. ער האט געליטען, אבער ער האט זיך אנפאנגס אליין ניט בעגריפען. ער איז צוגעוואהנט געווארען זייט יאהרען, זיא צו זעהען פארביינעהען נעבען איהם, בעריהרען מיט איהר קלייד זיינע פיס, זיין ראק און זיינע הענד. אבער הויפטזעכליך האט ער געליטען דאדורך ווייל ער האט מעהר קיין רוה געקענט געפינען אין איהרער אומארמונג.

עס זיינען נאך קיינע זעקס מאנאט פאראיבער, זייט ער איז געבליעבען אלמן, און ער האט שוין אנגעפאנגען צו זוכען אין דער אומגעגענד, וועלכעס מעדכען עס וועט קענען ערזעטצען די שטעלע פון זיין פרוי.

אזא מאן וויא רענארדעט, וועלכער האט געלעבט פיר עסען און געניעסען, האט ניט געקענט זיין אהן קיין ווייב אפילו איין טאג. אבער ער האט געמוזט

איבערוואַרטען דיא טרויער־צייט נאָך זיין פרוי. ער האט ניט געקענט פריהער עפּעס טהון, עס פּאַסט ניט. נאכדעם, האט ער בעשלאָסען, זאָפאָרט ווידער אמאל צו הייראַטהען.

מאַדאַם רענאַרדעט איז געווען א רעכטשאַפענע און גוטע פרוי. אנפאנגס, דאס הייסט, באלד נאָך דער חתונה, האט זיא געליטען פון דעם ווילדען און ריעזיגען כאַראַקטער פון איהר מאַן. אָבער עס האט ניט פיעל געדויערט, און זיא האט זיך צו איהם צוגעוואָהנט. דאן האט עס אזוי ווייט געגרייכט, אז גראָדע וויא ער האט ניט געקענט לעבען אָהן איהר, אזוי האט זיא ניט געקענט זיין אָהן איהם. ביידע זיינען געוואָרען וויא איין פּערזאָן, לעבענדיג בלויז גוט צו עסען, גוט צו טרינקען און האבען געגוס איינער פון דעם צווייטען.

כל־זמן רענאַרדעט האט געלעבט מיט איהר און ערפיללט זיין וואונש יעדעס מאָל וואס ער האט פערלאַנגט, איז עס אזוי ווייט געקומען, דאס ער האט דאס אלעס מעהר ניט בעטראַכט פאַר קיין נויטהווענדיגקייט וואס מען דאַרף געהן זוכען. ער האט אין זיין פרוי געזעהען דיא בעדירפניס פון זיין קערפּער אָהנע ווייטער צו דענקען דאַריבער.

אָבער וויא זיא איז געשטאָרבען, האט ער ערשט ערפאַהרען, אז עס פעהלט איהם עפּעס.

רענאַרדעט איז געווען בטבע איינער פון יענע „פּרומע נשמות,“ וואס וויל זיך ניט בלאַמירען פאַר קיינעם און איז פעסט ענטשלאָסען קיין שריט צו מאַכען ארויס פון זיין עטיקעטע לעבען. דאס אלעס האט ער גאַנץ גוט געקענט אויספיהרען, כל־זמן ער האט געהאט א פרוי וואס האט איהם אימער צופריעדען געשטעלט, און ער האט קיין אינטערעסע געהאט צו געהען זוכען אנדערע. אָבער יענע צופריעדענ־שטעלערין איז שוין געלעגען קאַלט אין קבר, און זיין גוט־גענעהרטער און מעכטיגער קערפּער, האט געפאָדערט איין אנדערע אויף איהר שטעלע.

ווען דיא פאַנטאַזיען איבער פרויען און רייץ זיינען פאַר איהם ערשיענען, האט ער זייא פערטריעבען און פעריאָגט. דאן האבען דיעזע בילדער איהם בעאונרוהיגט אין שלאָף. ער האט זייא נאָך אמאל פערטריעבען. נאָר זייא האבען צוריק גע־קעהרט.

ער האט געהאט א ברוטאַלע ווילען און געקענט מיט דיעזען ווילען פיעל אויפטהון. בעסער געזאגט, ער האט געהאט איין איינגעשפּאַרטע אָדער האַרט־נעקיגע נאַטור און ער האט געקענט אמאל זאָגאַר איבער זיך זעלבסט זיעגען.

 d.

דיזעס מאל, האט ער אָבער געהאט א געוויסען טעות. ווען עס האט זיך איהם געדאכט, אז ער האט געזיגט, איז דאס מעהר ניט געווען וויא א וואסער וואס מען האט בעסער פערשפּארט עס זאָל ניט ארויס, אום עס זאָל אָבער צוריק קעהרען צום אנגריף פיר בעפרייאונג מיט נאך א גרעסערער קראפט.

צור צייט וואס עס האט זיך איהם געדאכט, אז ער האט בעזיגט דעם יצר־הרע, האט ער זיך עראינערט אין דעם הייליגען אנטאָניוס, וועלכער האט אויך אזוי געקעמפּפט מיט דער תאוה און בעמערקט לאבענדיג:

„ווען איך זאָל ניט זיין אזא אפּיקורס וויא איך בין, וואָלט איך מיר אליין פאָרגעקומען וויא א צווייטער הייליגער אנטאָניוס.“

אין יענעם פריה־מאָרגען האט דער יצר־הרע אייניגע אנגריפע געמאכט איבער איהם. דאס האט ארויסגערופען זיין מאטקייט, אונצופריעדענהייט און מרה־שחורה. ער האט אלזאָ בעשלאָסען זיך צו באָדען אביסעל אין דער ברינדיללע, רעבענענדיג, אז דאס קיהלע וואסער וועט איהם ערשטענס ערפרישען און צווייטענס פיעללייכט אָבקיהלען זיין קאָכענדעס בלוט.

אביסעל ווייטער, ארויף אין וואלד, האט ער געוואוסט פון א טיעפערן פלאטץ אין וואסער, וואו דיא בויערן האבען זיך מעהרערע מאָל געבאָדען אם זומער און זיך דאָרט אמוזירט.

אהין האט ער אָנגעפאנגען צו געהען.

דיא ברייטע און אויסאנאנדער געוואקסענע צווייגען פון דיא בוימער, האבען אריבער געהאנגען איבער יענעם טיעפערן טהייל אין וואסער. דיא טיעפקייט, וועלכע איז פעראורזאכט געוואָרען דורך א ברייטען גרוב אין דער ברינדיללע זעלבסט, האט פעראורזאכט וואס דאס וואסער האט דאָרט אויסגעזעהען צו שטעהען גאנץ שטיל. רענארדעט האט דערפון געוואוסט און איז אימשטאנדע געווען צו דערקענען דעם פלאטץ פון ווייטען.

רענארדעט איז געגאנגען פאָרווערטס, אויפגערעגט און פערמאטערט. ווען ער איז צוגעקומען נעהנטער, האט זיך איהם געדאכט, אז ער האט געהערט עפּעס א פּליעסקען זיך אין וואסער און א גערויש דערבייא.

ער איז געבליעבען שטעהען און זיך צוגעהערט.

עס האט זיך איהם געדאכט, אז עס קומט יא פון דער ברינדיללע און עס קומט ניט פון דער ברינדיללע.

פאָרזיכטיג, אָהנע מען זאָל איהם הערען, האט ער געשריטען פאָרווערטס, און לאנגזאם אוועק געבויגען דיא צווייגען וואס זיינען איהם געשטאנען אין וועג.

ענדליך איז ער געבליעבען שטעהען.

דאָרט, אָט דאָרט איז עס געווען.

א מעדכען, נאקעט וויא דיא מוטער האט זיא געבוירען, איז געשטאנען אין וואסער, און איהר שנעע־ווייסער קערפּער, האט זיך גאנץ גוט געזעהען דורך דעם קלארען וואסער וויא זיא האט זיך געבאָדען. זיא האט מיטביידע הענד מונטער געקלאפּט אין וואסער, געטאנצט, זיך געדרעהט ארום, און איז גע־שפּרונגען.

עס איז ניט געווען קיין קינד, אָבער דאָך נאך קיין פאָלקאָמענעס פרויענ־צימער. זיא איז געווען ניט מאָגער, בעסער געזאגט, ציעמליך דיק; גאנץ גוט פאָרמירט, און צו זאגען האט זיא אויסגעזעהען וויא גראדע דאמאלס איז זיא ארויס געשפּרונגען פון דיא קינדער־שיכלעך און איז געווען בערייט, מיט איין שפּרונג צו ווערען א ווייב.

עס איז געווען דיא צווישענצייט פון קינד און פרוי.

רענארדעט איז געשטאנען אונבעוועגליך. ער האט ניט געריהרט מיט קיין גליעד. שטוינען, שרעק און איבערראשונג, האבען איהם וויא געלעהמט. א מערקווירדיגע, שטעכעדיגע און ברענענדע אויפרעגונג האט פערהאלטען זיין אטהעם. בלויז א שטאַרקער שוויס האט איהם בעשלאגען.

נאכדעם האט ער געהערט וויא זיין הארץ קלאפּט שנעל און וויטהענד. ער איז נאך אימער געשטאנען אויף'ן פּלאטץ און א פערווירונג איז איבער איהם געקומען. עס האט זיך איהם פלוצלינג געדאכט, אז איינער פון זיינע רייץ און גענוס־חלומות, איז פערווירקליכט געוואָרען.

ווער האט זיא אהין געבראכט?

וויא קומט זיא אין וואסער?

וויא אזוי......

טויזענדער פראגען אָהנע בעדייטונג האבען זיך איהם געדרענגט אין קאָפּ.

ער האט אמאל געלערענט, דאס ווענוס, דיא געטטין דער שעהנהייט און גענוס, איז ארויס פון דעם שוים אויף דיא וועללען פון ים. ער האט זיך דיעזע פאָרגעשטעלט אלס א ווענוס אין א קלענערער אויסגאבע. ער האט געבליקט צו איהר מיט פערצעהרענדע אויגען.

ער האט זיך אָבער נאך אימער ניט געריהרט.

דאָן איז דאס מיידעל וואהרשיינליך מיעד געוואָרען פון באָדען זיך, און זיא האט אָנגעפאנגען אַרויס צו געהען פון דעם וואסער.

איהר נאַקעטעס לייב, אין גאנצען אויפגעדעקט, ניט בעשיטצט זאָגאר פון קיין וואסער, האט אריין געשיסט ווי א קאָכענדען דאמפף אין זיי בלוט.

ער האט געבליקט צו איהרע רונדע גליעדער, צו איהר שעהנער הויט און דער שוויס איז נאך שטארקער געלאָפען פון זיין געזיכט.

זיא איז געגאנגען זיך נעהמען דיא קליידער אום זיך אָנצוציהען.

זיא איז געגאנגען לאנגזאם און פאָרזיכטיג, ווייל זיא האט זיך געהיט פאר דיא שארפע שטיינער אויף׳ן ברעג אום זיך ניט צו צושטעכען.

דיא טהיערישע לוסט, דאס דרענגענדע פערלאנגען האט געשטיגען. רע־נארדעט איז געוואָרען ווילדער און פערווירטער. יעדעס געפיהל פ מענש האט אויסגעזעהען פערברענט צו ווערען אין דעם שרעקליכען פייער פון זיין תאוה.

דאָן איז דאס מערכען פערשוואונדען געוואָרען, זיא איז געבליעבען שטעהען הינטער א בוים.

דאָרט איז זיא געשטאנען עטליכע סעקונדען און רענארדעט האט זיא ניט געזעהען.

אנשטאט דאס זאָל איהם בערוהיגען, האט ער זיך געשפירט נאָך מעהר אויפגערעגט, גלייך ווי א ווילדע חיה פון וועלכער׳ס אויגען דאס אָפפער איז פלוצלינג פערשוואונדען געוואָרען.

רענארדעט האט פערלוירען דיא לעטצטע שפור פון מענשליכער האלטונג.

ער האט געגעבען א שפרונג פאָרווערטס, און אין נעכסטען אויגענבליק איז ער געווען נעבען איהר. ער האט אויסגעשטרעקט זיינע ריזיגע ארעמס און זיא ארום גענומען.

דאס מיידעל איז געווען צו איבערראשט, ערשראָקען און אויסער זיך, אום צו קענען שרייען אָדער רופען אום הילפע.

זיא האט שטארק אויפגעציטערט, צוגעוואָרפען א בליק צו רענארדעט׳ן און איהם דערקענט.

דאס האט זיא נאך מעהר ערשטוינט.

אויף איהר געזיכט איז געלעגען דיא פראגע:

„וואס ווילסטו?"

נאָר זיא האט גאר ניט געפרעגט.

זיא האט אויסגעזעהן וויא איינער אין א שרעקליכען חלום, וואס וויל שרייען און קען דאך נים.

רענארדעט'ס אויגען זיינען געווען אנגעגאסען מיט בלוט, ער האט שווער געאטהעמט. און דאס מיידעל האט דערפיהלט דעם אטהעם אויף איהר געזיכט, האט זיך איהר געדאכט, אז דאס איז הייסער דאמפף.

קיין ווארט איז ארויס פון זיין מויל. ער האט זיא נאר פעסטער געדריקט צו זיך, דאן האט ער זיא אומגעווארפען צו דער ערד, און זיא פערגוואלטיגט.

רענארדעט האט דאס געטהאן, אהנע ער זאל בעגרייפען זיין טהאט.

ווען ער האט ערוואכט אנצוערקענען זיין פערברעכען, איז דאס געווען גראדע וויא מען וועקט איינעם אויף פון א טיעפען שלאף מיט א פינסטערן חלום, אום ער זאל אין דערווירקליכקייט בעגרייפען וואס עס האט פאסירט.

דאס מיידעל האט אנגעפאנגען צו וויינען.

ערשט דאמאלס האט ער בעגריפען, אז זיא איז נאך א קינד.

זיא האט געציטערט אין גאנצען קערפער. ער האט געהערט וויא עס ווארפט איהר א צאהן אן א צאהן. זיא איז געלעגען און געבליקט צו איהם אזוי דער־שראקען, וויא א יונגער הירש, ליעגענדיג פערוואונדעט צו טויט צום יעגער'ס פיס.

ער האט דאס בעמערקט און אויסגערופען:

„זייא שטיל!"

דאס האט זיא נאך מעהר געבראכט צום וויינען.

„שטיל! שטיל!" האט ער געזאגט מיט א ברוטאלער שרעק, „ווארט, איך וועל דיר געבען געלד."

אבער זיא האט ניט אויפגעהערט צו וויינען און כליפען.

דאן האט ער ווידער געמורמעלט:

„וואס וויינסטו? הער שוין אויף! זייא שטיל, שטיל, איך בעט דיך...."

דיא לעטצטע ווערטער האבען צוריק געבראכט איהר שטימע און זיא האט שוין אנגעהויבען אביסעל צו שרייען.

רענארדעט האט בעמערקט וויא זיא ריהרט זיך מיט דער אבזיכט צו ענט־לויפען. ער האט אויסגעשטרעקט זיינע הענד אום זיא צוריק צו האלטען. זיא האט זיך געראנגעלט און זיך געוואלט אויסרייסען.

פלוצלינג האט א געדאנק דורכגעשאָסען זיין געהירן. ער האט אין איין אויגענבליק בעגריפען, אז ער איז פערלוירען. אָבער דאָך, וואָלט ער נאך געדענקט איבער איין אויסוועג. זיא האט אָבער ניט אויפגעהערט צו שרייען. איהר שטימע האט וויא דורכגעבויערט זיינע אויערן.

ער האט זיא פעסטער צוגעהאלטען.

זיא האט נאך אימער ניט אויפגעהערט צו שרייען.

מיט אלע איהרע פערצווייפעלטע קרעפטען, האט זיא זיך געוועהרט און גע־ריסען. זיינע הענד האבען זיא פעסטער געגריפען און צוגעהאלטען.

„הער אויף!" האט ער אונגעוועהנליך הויך אויסגעשריען.

אלס ענטפער, האט זיא נאך שטארקער געליארעמט.

ער האט אין איין אויגענבליק איבערגעדענקט וויא אזוי צו שטילען דעם ליארם. זיין בליק איז געפאלען אויף איהר האלז. ער האט בעפרייעט איין האנד און ארויף געלעגט אויף איהר האלז. וואס איז געוועזען פעסט און אָנגעבלאָזען פון דעם שרייען. זיין צאָרן האט געשטיעגען. ער האט אויך ארויף געלעגט זיין צווייטע האנד.

וואס האט ער דאמאלס געדענקט?

אלעס וואס האט געוואָלט אין יענעם אויגענבליק, איז געוועזען זיא זאָל שווייגען.

איין דריק אויף איהר האלז, האט האלב פערשטיקט דיא שטימע. א בעסערער דריק, האט פערורזאכט פאָלקאָמענע שטילקייט. דאן האט ער נאך שטארקער געדריקט אום דיא שטימע גוט צו צושטיקען.

וויא לאנג האט דאס געדויערט?

דאריבער האט ער אכיין ניט געוואוסט.

רענארדעט איז צו זיך געקומען, ווען ער האט מעהר זאָגאר קיין אטהעם גע־הערט און קיין ווידערשטאנד געשפירט.

ער האט אָבגעלאָזען דעם האלז.

דאן איז ער אויפגעשפרונגען.

טראָטץ דער היטץ, איז געלאָפען א קאלטער שווייס איבער זיין לייב.

זיא איז געלעגען בעוואוסטלאָז.

בלוטענד, און מיט א געזיכט שווארץ פון פערלאָפענעם בלוט, איז זיא גע־לעגען אויסגעשטרעקט שטילשווייגענד פאר זיינע אויגען.

דיא איז געווען טרים!

ער האט געוואָלט ענטלויפען. עס איז געווען דאס בעוואוסטזיין פון געפאהר, וואס טרייבט אוועק יעדען איינעם פון דעם פונקט וואו דיא געפאהר געפינט זיך.

אָבער איין אונבעקאנטעס געפיהל האט איהם צוריק געהאלטען. ער האט זיא געוואָלט שנעל אריינוואַרפען אין וואסער, אָבער ער האט ערבליקט איהרע קליידער און איין אנדערער געדאנק איז איהם איינגעפאלען.

ער האט געהאט א שטריקעל בייא זיך אין קעשענע. מיט דיעזען שטריקעל האט ער דיא קליידער צוזאמען געבונדען, און דאן האט ער דאס בינטעל בעהאלטען ווייט צווישען דיא געדיכטע בוימער, וועלכע זיינען געשטאנען נעבע ברעג פון דער ברינדילכע.

ער האט זיך נאכדעם שנעל אָבגעווענדעט, און מיט לאנגע שריט האט ער אנגעפאנגען צו געהען פאָרווערטס, דורכגעקרייצט דעם וואלד צו דער אנדערער זייט, דאמיט דיא בהמות־טרייבער זאָלען איהם ניט בעמערקען, און צו דער געוועהנליכער צייט האט ער צוריק געקעהרט אהיים עסען, וואו ער האט דערצעהלט זיינע דיענער און דיענסטען, אז ער האט היינט געשפּאצירט איבער דער אנדערער זייט וואלד, ניט נעבען דער ברינדילכע, וואו ער האט בעמערקט זעהר שעהנעס גראָז.

אכטעס קאַפּיטעל.

אין דיעזער נאכט האט ער געשמאק און פעסט געשלאָפען.

עס איז געווען דער שלאָף פון א בעסטיע, אָדער וויא דער פאל איז מיט מערדער בייא דער לעטצטער נאכט פאר זייער הינריכטונג.

ערשט נאכדעם וויא עס האט אָנגעהויבען צו טאָגען, האט ער ערוואכט, און מיט א געקוועהלטער אונגעדולד פון שרעק, האט ער ערוואַרטעט דיא נאכריכט פון דעם פערברעכען זאָל זיך פערברייטען. ער האט געוואוסט, אז אירגענד יעמאנד מוז דאס ענטדעקען פריהער אָדער שפּעטער, און ער האט זיך פאָרבערייטעט צו שפּיעלען דעם גלייכגילטיגען און אונשולדיגען.

ער האט אויך געוואוסט, אז ער, אלס הויפּט־פאָרשטעהער פון דעם דאָרף, וועט מוזען בייוואָהנען דיא געריכטליכע אונטערזוכונג. דאס האט איהם פערווירט, אָבער ער האט זיך דארויף אויך געפאסט.

די גאנצע צייט פון דער אונטערזוכונג, האט ער אלעם מיטגעווירקט גראדע ווי א נאכט־וואנדלער, אהנע צו וויסען איבער אורזאכען און פאלגען. דער ערשטער הערצרייסענדער געשרייא פון דער אלטער ראקע, האט איהם ערוואכט און אויפגע־מונטערט. דאס האט איינגעדרונגען ביז אין זיין טיעפער זעעלע, און איהרע שמערצע־האבען איהם אזוי געריהרט, דאס ער איז בערייט געווען פאר איהר פארצוטרעטען און אויסשרייען:

„איך בין עס, איך בין דער מערדער!"

אבער מיט אלע זיינע קרעפטען האט ער זיך דערפון צוריק געהאלטען.

ווען עס איז נאכט געוואָרען און יעדער האט שוין געשלאפען, איז ער אוועק ווידער צו דער ברינדילכע מיט דער אבזיכט צו ברענגען דער אונגליקליכער אלטע עפעס א צייכען פון איהר טאכטער'ס קליידער און זיא דערמיט טרייסטען.

ער האט גענומען די היכצערנע שיכלעך און זייא דאן אוועק געשטעלט בייא איהר טהיר.

אזוי לאנג וויא די אונטערזוכונג האט געדויערט, איז ער געצוואונגען געווע מיט די בעאמטע אלעם מיטצומאכען.

ער האט זיך אבער ביז א געוויסען גראד בערוהיגט, זיך בעהערשט מיט זיין הארטנעקיגען כאראקטער, און האט עס נאך אזוי וויט געבראכט, דאס ער האט געקענט זאגען א ווערטעל און טראגען א שמייכעל אויף זיינע ליפען.

ער האט גאנץ רוהיג געשפראכען מיט די בעאמטע אלע מעגליכקייטען ווער עס האט געקענט בעגעהען דעם מארד; מאנכע מאל האט ער אויך גאנץ לאניש ווידערשפראכען זייערע פערנוטהונגען און צערשטערט זייערע פלענער.

מיט דער צייט האט ער אנגעהויבען צו געפינען זאגאר א פערגניגען אין דעם צו צערשטערען זייערע נאכפארשונגען, פערדרעהען זייערע אידעע, און לייטע, וועלכע זיינען געוואָרען פערדעכטיג אין זייערע אויגען, האט ער מיט געוויסע גרינדע ער־קלערט פאר אונשולדיג.

אבער פון דעם טאג אן, וואס די נאכפארשונגען האבען אנגעפאנגען, איז ער געוואָרען פון שטונדע צו שטונדע מעהר נערוועז, אויפגערעגט און צארניג. ער האט זיך געזוכט צו בעהערשען אין דער בעציהונג פון צארן, און דאס האט איהם אונגעהייער פיעל מיה געקאסט אום ניט ארויס צו שפרינגען פון די כלים.

דאן האט די נערוואזיטעט אלץ מעהר און מעהר איינגעדרונגען אין איהם. פון דעם מינדעסטען גערויש, האט ער אויפגעציטערט און דאס האט אריינגעיאגט

א שרעק אין זיינע ביינער. ער האט געקענט פון דער העלער הויט אָנהויבען צו שרעקען און ציטערן, און מאנכע מאל האט ער זיך געשפּירט זאָגאר פערגליווערט בלויז פון א פליעג וואס האט זיך געשטעלט אויף זיין שטערען.

פלוצלינג האט אין איהם איינגעטרעטען דער וואונש און דאס דרענגען זיך צו בעוועגען. דאס האט איהם געטריעבען צו גרויסע וואנדערונגען; עס האט איהם געקענט האלטען גאנצע נעכט אויף דיא פיס, ביז ער פלעגט זיך שפּירען במעט צוזאמען געבראָכען און ער האט צוריק געקעהרט אהיים.

עס איז ניט געווען קיין פיינגענדע געוויסענביסע וואס ער האט געפיהלט, דאריעבער איז ער ניט געווען געגוג מענש דאס צו בעגרייפען. אָבער ער האט גע־שפּירט עפּעס קומענדיג איבער איהם, וואס האט איהם געפּלאָגט און געמאר־טערט, אָהנע ער זאָל וויסען וואס דאס איז.

רענארדעט איז געווען א מאן פון טהעטיגקייט, א מאן פון געוואלטטהאטען, געבוירען אום קריעג צו פיהרען, עראָבערן לענדער, פערוויסטען שטעדט און דיא בעזיעגטע ניעדער צו שלאכטען; ער האט געהאט דיא נאטור פון דעם ווילדען יעגער, נאכצולויפען, פאקען און ניעדערשיסען; מענשען-לעבען האט ביי איהם זעהר א קליינע ראָלע געשפּיעלט. אָבער זיין לעבען און זיין ערציהונג איז געווען א לאנגע שולע צור אבריכטונג פון ריטערליכקייט; צו העלפען דעם וואס רופט זיך שוואך, און בעשיטצען דיעניגע וואס זיינען מאכטלאָז.

דיא קליינע ראָקע איז געווען שוואך און מאכטלאָז. איהר פערגוואלטיגונג און ערמאָרדונג, איז געווען דער געגענטהייל פון זיין אבגעריכטעטער נאטור, און דאס האט ביי איהם ארויס גערופען עקעל, אבשייא און פעראכטונג צו זיך זעלבסט.

אלס פּאָליטיקער האט ער געאכטעט דיא קירכע. אָבער אין דער פּראקטיק האט ער ניט געגלויבט אין גאָט מיט דעם טייפעל צוזאמען. איבריגענס האט ער זיך קיינמאל דיא מיה ניט געגעבען אקוראט געגוי נאכצופאָרשען וואס עס קען זיי. פון יענער זייט קבר. ער איז געווען צו פיעל בעשעפטיגט מיט דיעזער וועלט אום צו דענקען וועגען א צווייטער.

דאָן, נאטירליך, האט ער געמוזט נאכגעהען דער „אינטעליגענטע" וועלט אונטער וועלכער ער האט זיך געפונען. עס האט ניט געפּאסט זיך אָבצוגעבען מיט אזעלכע פּוסטע זאכען, איבער וועלכע דיא „געבילדעטע" זיינע קאמעראדען, האבען חוזק געמאכט.

אָט דאס איז געווען רענארדעט, און אָהנע זיך זעלבסט אמאל צו אנאליזירען, האט ער געלעבט פון יאָהר צו יאָהר, אָהנע צו האבען דעם מינדעסטען בעגריף פון זיין אייגענער פערזענליכקייט.

דערזעלבער רענארדעט, האט געקענט אין קריעג, אין א דועל אָדער אין א ראבע־פאלל, אירגענד יעמאנדען דערהרג'ענען, בעשפריטצט ווערען מיט זיין בלוט און זעהען דעם צאפלענדען גוסס פאר זיינע אויגען. דאס אלעס וואָלט איהם ניט בעקימערט. דאס וואָלט נאטירליך געווען איין אנגעלעגענהייט וואס שטימט מיט זיין אבגעריכטעטען כאראקטער. עס וואָלט אויף איהם דעמזעלבען איינדרוק געמאכט, וויא צור צייט וואס ער זעהט פאלען דעם האָז אויף'ן פעלד צו זיינע פיס, נאכדעם וויא ער האט אויף איהם אָבגעפייערט זיין ביקס.

אָט אזעלכע מענשען ווערען ניט געבוירען, און דיא אבריכטונג פון איין דור איז נאך ניט געווען דאפיר. מעהרערע דורות מוזען פאָראיבער, און עס זאָל איבער־געהען פון פאטער צו קינד דיא ירושה פון א געוויסער איינריכטונג אין לעבען, און דאן זאָל פאָלגען איין אונגעהייער שטרענגע ערציהונג אזוי צו זיין, אזוי צו לעבען און אזוי צו בעגרייפען.

צו פערגוואלטיגען און דאן ערמאָרדען א קליינע ראָקע, איז איינגעשטודירט געוואָרען פאר א שרעקליכע זינד געגען דיא איינגעלערנטע זיטען. אזא מהאט האט געמוזט צערברעכען דעם אייזערנעם ווילען און דיא מעכטיגע ריעזען־קראפט פון דעם שטא קען מאן.

אנפאנגס האט רענארדעט בעגאנגען דאס פערברעכען אין א פערווירונג און איין אונווידערשטעהליכען רויש, ווען יעדער שפור פון שכל ווערט פערניכטעט. דאן האט אָנגעפאנגען דיא בערוהיגונג און דיא ווירקונג, אָדער דיא פרוכט פון דער זינד, איז געקומען. עס האט איהם געפאקט אין זיין גאנצער זעעלע און קערפער. דאס פערברעכען האט אָבגעפרעסט אויף זיין גאנצעם לייב א גרויזאמער שוידער־האפטינקייט.

אונווילענדיג האבען זיך זיינע געדאנקען יעדען אויגענבליק צוריק געקעהרט צו דער שרעקליכער סצענע, און אָבוואָהל ער האט זיך בעמיהט דאס בילד צו פערשמייסען און פערניכטען פון זיין זכרון, איז אָבער אלעס ערשיענען מיט אזוי פיעל שרעקען און ווילדען איינדרוק, אז ער האט זאָגאר ניט געקענט לויז ווערען פון דער מינדעסטער איינצעלהייט וואס האט דאמאלס פאסירט.

אזוי האט עס געדויערט עטליכע וואָכען, ביז דיא אבענדרע האבען זיך

פערוואנדעלט אין דיא פירכטערליכסטע שרעקענס־צייטען, ציטערענדיג פאר זיין איינענעם שאטען.

ער האט נאך קיין בעגריף געהאט ווארום דיא פינסטערניש שרעקט איהם. אבער ער האט געפיהלט, אז יעדע טונקלע שטעלע איז בעפעלקערט מיט דיא שרעקענס־בילדער פון זיין גרזיזאמער מארד־טהאט.

דער העללער טאג איז אימשטאנדע צו געבען פיעל אדער ווענינ ערקלערונגען אדער בעדייטונגען איבער דיא צאהלרייכע ערשיינונגען. ווען מען זעהט עפעס, קען מען דאס באלד שטודירען און זיך אויגענבליקליך איבערצייגען וואס דאס איז.

אבער דיא נאכט, מיט איהר געהיימניספאלע פינסטערנים; דיא נאכט, מיט איהרע טונקלע און בעהאלטענע שאטענס, מיט איהר שווארצע און פערהיעלטע בילדער, — אך, דיעזע נאכט גיבט קיין ערקלערונג, זיא בעהאלט אין איהר טונקלען שויס אלעס, און צינדעט נאך מעהר אן דיא פאנטאזיע, צו זעהען שוועבענדעס, לויפענדעס, פליהענדעס און שוידערהאפטעס, פערבארגען אירגענדוואו וואס מען וויים ניט און מען פערשטעהט ניט.

דאס אונבעקאנטע און דאס פערבארגענע, בילדעט א פינסטערעס גע־היימניס, און א פינסטערעס געהיימניס ווירקט שוידערהאפט איבער איין אבגע־שוואכטעם געהירן.

עס זיינען פאראיבער מעהרערע נעכט פון שרעקען, און ווען ער האט זיך בערוהינט, האט ער נעפאסט מוטה, זיך צו פרעגען, פאר וואס ער האט מורא.

דאן האט ער געקריענען איין ענטפער. ער האט אלעס ערפאהרען.

אין א נאכט, ווען עס איז שוין געווען גוט שפעט, איז ער געזעסען אין זיין לעהנ־שטוהל. ער האט ניט געקענט שלאפען. עס איז איהם אונמעגליך געווען צו שליעסען זיינע אויגען. ער האט אונווילענדיג א בליק געגעבען צום פענסטער. עס האט זיך איהם גערדאכט, אז דער פארהאנג האט זיך העפטיג בעוואוינג.

פאר אלעמען האט דאס בייא איהם ארוים גערופען א ציטער.

נאך דעם ציטער, איז ער געווארען אונרוהיג און נעווארט, מיט א קלאפענדעס הארץ צו זעהען וואס ווייטער וועט זיין. יא, ער האט נעוואלט זעהן, זיך איבער־צייגען און וויסען דיא אורזאכע.

אבער דער פארהאנג האט זיך מעהר נים געריהרט.

האט זיך דער פארהאנג פריהער בעוואויגען? האט זיך דער פארהאנג

פריהער געריהרט? פיעללייכט איז דאס געווען זיין אויפגערעגטע פאנטאזיע? ווער זאָל עס דען אומגעהען ביים פאָרהאנג, ווען ער אליין איז דאָ אין צימער?

אָט דיעזע פראגען האט ער זיך אליין געפרעגט און ארגומענטירט. אָבער דער שטראָם פון זיינע פערווירדטע געדאנקען איז אונטערבראָכען געוואָרען, ווען דער פאָרהאנג האט זיך מיט אמאל, פּלוצלינג, ווידער בעוואויגען.

האט ער זיך בעוואוינגען? ווער ווייס? רענארדעט'ן וועניגסטענס האט זיך געדאכט, אז ער האט זיך בעוואוינגען.

ער האט ניט געוואגט אויפצושטעהען.

און דאָך, איז דערזעלבער רענארדעט געווען א מוטהיגער מענש. דערזעלבער רענארדעט האט ניט קיין מורא געהאט פאר איינעם, צוויא און אויך 4 שטארקע מענער מיט אמאל. ער וואָלט זיך וועניג אָדער גאר ניט דערשרעקען צו ענטדעקען פּלוצלינג רויבער בייא זיך אין דער וואָהנונג.

רויבער און באנדיטען, פיעללייכט אויך מיט געוועהר, וואָלטען זיין מוטה ניט אָבגעשוואכט. אין געגענטהייל, איהם נאך מעהר אויפגערעגט און געשטעלט אויף דער פּראָבע וויפיעל מוטה ער בעזיטצט. אָבער דער פאָרהאנג זאָל זיך זעלבסט בעוועגען, דאס איז צופיעל — דאס האט אוועק גערויבט זיין גאנצען מוטה.

„דומהייטען!" האט ער געמורמעלט צו זיך אליין, „מיר דאכט זיך דאס אלעס! איך בילד מיר איין! עס איז גאר ניט, און אָט......"

גראדע דאמאלס האט זיך דער פאָרהאנג ווידער בעוואוינגען. עס איז ניט געווען גראדע קיין בעוועגונג, זאָנדערן א מין ציטערן און פלאטערן פון דער לייכטער פאָרהאנג נאכעריע — אזוי וויא א בלאָז פון ווינט וואס פעראורזאכט דיא בע־וועגונג.

רענארדעט איז געבליעבען זיטצען, מיט זיינע אויגען שטארק אָפען, זיין האלז אויסגעצויגען, און געקוקט, אויפמערקזאם צום פאָרהאנג.

„צום טייפעל!" האט ער פּלוצלינג אויסגעשריען פאסענדיג מוטה און זיך שעהמענדיג איבער זיין אייגענער שרעק. ער האט זיך אויפגעהויבען, געמאכט פיער שריט פאָרווערטס צום פענסטער, אָנגעכאפּט ביידע זייטען פאָרהענגע מיט זיינע ביידע הענד און זייא אויסאנאנדער געריסען.

ער האט גאר ניט געזעהען. פאר זיינע אויגען זיינען ערשיענען דיא שווארצע שויבען — אזוי שווארץ וויא גלענצענדע טינט פון דער טיעפער נאכט פינסטערניס.

די נאכט האט אויסגעשפרייט איהרע טונקלע פליגלען און אלעס, די גאנצע געגענד, איינגעוויקעלט און איינגעהילט וויא אין א שווארצען מאנטעל.

ערבליקענדיג דיזען ריזיגען שווארצען שאטען, וואס רופט זיך נאכט, איז ער געבליבען שטעהן, אבער פלוצלינג, וואס איז דארט? — פלוצלינג האט ער דערזעהען א ליכט, א טאנצענדעס ליכט, וואס האט אויסגעזעהען צו שוועבען ווייט אוועק אין דער נאכט פינסטערניס.

„וואס איז דאס?"

„וואס איז דארט?"

„ווער איז דארט?"

דיא פראגען האבען זיך געדרענגט שנעל, איינע נאך אנאנדער. דאן האט ער זיך געטרייסט, און געפונען איין ערקלערונג. ער האט זיך געטראכט, אז דאס מוז זיין א קרעבס-פישער, וועלכע האבען א טבע בייא נאכט ארום צו געהען נעבען דער ברינדילע. ער האט צוגעבויגען זיין געזיכט צו דער שויב אום דאס אויסצר געפינען.

ער האט געבליקט ווייט, טיעף און א היבשע צייט אום זיך צו איבערצייגען, אז זיין ערקלערונג איז ריכטיג. אבער דאס איז איהם אונמעגליך געווען.

דאן האט ער בעשלאסען ניט מעהר צו פארשען און זוכען. און ער האט זיך צוגעדעקט זיינע אויגען מיט דיא הענד.

אבער פלוצלינג — פלוצלינג איז דיזעס ליכט געווארען שטארקער, העללער, און ער האט געזעהען וויא דיא קליינע ראקע, זיין אפפער, ליעגט נאקעט, אויסגע־שטרעקט אין גראז, מיט בלוט אויף איהר קערפער!

ערגריפען פון דיא שרעקען, איז ער צוריק געשפרונגען שווינדערנד און איז אומגעפאלען וויא ערשראקען אויף זיין שטוהל.

א פאאר מינוטען איז ער געבליבען ליעגען טהיילוויז אהנמעכטיג פון שרעק און ציטערן.

דאן האט ער זיך אויפגעזעטצט און אנגעפאנגען צו איבערלעגען.

מיט איין איבערנאטירליכע אנשטרענגונג האט ער זיך אויסגערעדט און גע־ברומט:

„א נארישע פאנטאזיע! א דומהייט!"

ער האט זיך דאס אלעס ערקלערט, אז עס קומט דערפון, וואס ער האט געזעהען א קרעבס-פישער לויפענדיג מיט זיין לאמפ ביים ברעג פון דער ברינדיללע,

און דיא עראינערונג און זיין פערברעכען, האט בייא איהם ארויס גערופען דאס בילד פון דעם מאָרד.

ווען ער האט זיך אביסעל ערהאָלט, האט ער געטרונקען א גלאָז וואסער; דאן האט ער זיך געזעטצט.

נאכדענקענדיג, האט ער געמורמעלט:

„אָבער וואס וועל איך טהון, ווען דאס וועט זיך ווידערהאָלען? ווען דאס וועט זיך ווידער בעוויזען?"

אז עס וועט זיך ווידערהאָלען און ווידער בעוויזען, איז ער געווען בייא זיך זיכער. זיינע איינענע געפיהלע האבען עס איהם פראָפעצייהעט.

אונוויל־ענדיג, האט ער ווידער געקוקט צום פאָרהאַנג. עס האט זיך איהם געדאכט, אז דער פאָרהאַנג ציטערט, פלאטערט, בעוועגט זיך און רופט איהם אהין.

אום דאס אויסצומיידען, אום ניט מעהר צו זעהען דעם פאָרהאַנג, האט ער אומגעדרעהט זיין שטוהל. דאן האט ער גענומען א בוך און פראָבירט צו לעזען.

וויא ער האט נאָר איבערגעלעזען א פאאר שורות, וועלכע ער האט ניט פערשטאנען, איז איהם פאָרגעקומען, אז ער הערט הינטער זיך עפעס ריהרען, בעוועגען גלייך וויא אום אויסצומיידען דיא בעוועגענדע זאך הינטער איהם, האט ער אָבגעווענדעט דעם לעהנ־שטוהל און איז ווידער אויסגעקומען צום פענסטער.

דער פאָרהאַנג האט זיך בעוואוינען. יעטצט האט ער מעהר און דעם ניט געצווייפעלט. ער איז געוואָרען וויטהענד, אויפגעשפרונגען, אָנגעכאפט דעם פאָרהאַנג, און איהם ארונטער געריסען צוזאמען מיט דעם שטעקען אויף וועלכען ער איז געהאנגען. דאן האט ער, וויא יעמאנדען אויף להכעיס, צונעפרעסט זיין געזיכט צו דער פינסטערער שויב.

ער האט גאָר ניט געזעהען.

אלעס אין דרויסען, איז געווען שווארץ, און מיט דער פרייד פון א מענשען, וועלכען מען האט נאָר וואס געשענקט דאס לעבען, האט ער פרייער אויפגעאטהעמט.

ער איז צוריק געגאנגען אום זיך צו זעטצען. אָבער גראדע דאמאלס האט איהם בעהערשט א שרעקליכער וואונש, אום נאך אמאל ארויס צו קוקען פון פענסטער.

זייט דעם וואס ער האט אבגעריסען דעם פאָרהאנג, האט דאס פענסטער געבילדעט א פינסטערעס לאָך, און עס האט אין אלגעמיינעם געמאכט א נייעם איינדרוק איבער דעם צימער, אויסצוזעהען פרעמד אָהן דעם פאָרהאנג וואס איז אימער דאָרט געהאנגען. דיא שווארצע שויבען האבען געמאכט איין אונהיימליכען איינדרוק. עפּעס האבען אויסגעוויזען וויא א שווארצע נאקעטקייט.

ערבליקענדיג דאס פענסטער, האט ער אויפגעשווידערט. ער האט ניט גע־וואָלט נאך אמאל ארויס קוקען. אום ניט נאך אמאל צוגעצויגען צו ווערען אהין, האט ער בעשלאָסען צו מאכען איין ענדע דערפון, דערמיט וואס ער זאָל זיך לייגען אין בעט.

ווען ער האט זיך אָנגעפאנגען אויסצוציהען, האט ער בעמערקט וויא זיינע אונטער־קליידער זיינען נאס פון א קאַלטען שוויים וואס האט איהם דורכ־גענעצט.

ווען ער האט פון זיך ארונטער געוואָרפען דיא קליידער, האט ער זיך אריינ־געלייגט אין בעט. ער איז געלעגען אויף זיין רוקען אונבעוועגליך. זיין לייב איז גע־וואָרען וואַרעם און פייכט — און אָהנע זיך צו ריהרען פון פלאטץ, איז ער געלעגען און ערווארטעט דער שלאָף זאָל קומען.

ער האט געהאלטען דיא אויגען צוגעמאכט. ניט געוואגט צו עפענען אין ערגיץ קוקען. פּלוצלינג האט א שוואכעס ליכט וויא דורכגעשטרייפט זיינע פער־מאכטע אויגען. ער האט שנעל געעפענט זיינע אויגען, מיינענדיג, אז דאס הויז שטעהט אין פלאמען.

אלעס ארום איהם, איז געווען שווארץ און טונקעל. ער האט זיך אונטער־געהויבען, זיך אָנגעלעהנט אויף זיין עלענבויגען, און געקוקט. ער האט געוואָלט זעהען אויב ער וועט דערקענען דאס פענסטער אין דער טונקעלהייט.

בייא דער אנשטרענגונג אויסצוגעפינען וואו דאס פענסטער איז, האט ער בעמערקט עטליכע שטערען.

ער איז אויפגעשטאנען, ארונטער פון בעט, און טאפּענדיג איבער זיין צימער, איז ער צוגעגאנגען צום פענסטער, און ער האט צוגעלייגט צו דער שויב זיין ברע־נענדען שטערן.

דאן האט ער געבליקט ווייטער.

דאָרט איז עס!

ווייט אוועק, צווישען דיא בוימער, אויף׳ן גראָז, האט זיך געלייכט; דאָרט איז געלעגען דער טויטער קערפּער פון זיין אָפּפער, פון דער קליינער ראָקע!

פון רענאַרדעט'ס ברוסט, האט זיך ארויס געריסען א פערצווייפעלטער געשרייא.

ער איז צוריק געלאָפען צ ם בעט, זיך ארייגנעוואָרפען מיט א קראַך, פאַר וועלכען ער האט זיך אליין דערשראָקען, און איינגראבענדיג זיין קאָפּ צווישען דיא קישען, איז ער געבליעבען ליעגען ביז עס איז טאָג געוואָרען.

ניינטעס קאפּיטעל.

פון יענעם אבענד אָן, איז רענארדעט'ן געוואָרען זיין לעבען אונער־טרעגליך.

זאָ שנעל וויא עס איז נאכט געוואָרען, האבען אָנגעפאנגען רעגעלמעסיג זיך צו ווידערהאָלען דיא שודערהאַפטע שרעקען פון בלוטיגע בילדער און סצענען. ביי־א טאָג ווידער, האט ער ניט געקענט רוהען איבער דיא עראינערונגען פון דער נאכט.

מיר האבען שוין איינמאל עראינערט, אז ער איז ניט געווען קיין פייגלינג, און ווען עס איז געווען טאָג און ער האט זיך געפינען אין דער מונטערקייט פון דער זונ'ס שטראהלען, האט ער אימער געפאסט מוטה און בעשלאָסען צו בעקעמפּפען דיא ווילדע עראינערונגען.

ער האט זיך ניט געוואָלט פאר קיינעם פערטרויען, מורא האבענדיג, טאָמער וועט מען לאכען פון איהם. דאן, וויא האט ער זיך געקענט פערטרויען? וואס זאָל ער זאגען זיין בעסטען פריינד? זיך ענטדעקען? אונמעגליך.

אליין, גאנץ אליין האט ער געמוזט קעמפּפען געגען דיא שרעקענס־בילדער. וויא עס איז נאכט געוואָרען, האט ער זיך צוריק געצויגען אין זיין צימער מיט דעם מוטה פון א פערצווייפעלטען קריגער און זיך פאָרבערייטעט צום קאמפף. אָבער אומזיסט!

יעדעס מאל איז ערשיענען א געהיימע און פירכטערליכע קראפט און איהם געצויגען צום פענסטער, און עס האט זיך איהם געדאכט, אז א מאגנעטישע קראפט שלעפּט איהם. דאן האט ער דערזעהן דאס שרעקענס־בילד, דיא בלוטיגע סצענע — אנפאנגס האט זיך איהם פאָרגעשטעלט וויא דאס מערדען קעמפּפט, פאנגט אָן דערשטיקט צו ווערען, דאן, מיטביידע ארעמס אויסגעשטרעקט, מיט דיא פיס צושפּרייט, איז זיא געבליעבען ליעגען, אקוראט אזוי וויא ער האט זיא דאמאלס איבערגעלאָזען.

וואס מעהר א נאַכט עס איז פאַראיבער, אלץ גרויזאמער איז געוואָרען דאס בילד. עס האט זיך איהם נאכהער אויסגעוויזען, וויא דיא קליינע ראָקע שטעהט אויף, און מיט קורצע אָבער שנעלע שריט, וויא איהר טבע איז געווען, האט זיא אָנגעפאַנגען צו לויפען פאַרווערטס.

דאן האט זיא אָנגעהויבען צו שוועבען, אימער מיט דיא ארעמס אָפען, איבער דיא גראָזען, בלומען און בוימער — פאָרווערטס, ווייטער, ביז זיא איז צוגעקומען אהין, וואו ער איז געשטאַנען, ביים פענסטער.

דאָרט איז זיא געבליעבען שטעהען און געקוקט מיט איהרע דערשראָקענע אויגען.

פלוצלינג איז זיא ארויף, אויבען, און דאן אריין אין צימער, אינוועניג, נעבען איהם, און עס האט זיך איהם געדאַכט, אז ער שפירט איהר אטהעם, גראָדע וויא דאמאלס, אין דעם טאָג פון פערברעכען.

רענארדעט איז צוריק געשפרונגען, ציטערענדיג, שווידערענדיג פאר דער ער־שיינונג, ביז ער איז אריין אין בעט, און זיך דאָרט בעהאלטען. ער האט געוואוסט, אז זיא וועט שוין פון דאָרט ניט אוועק, זאָנדערן שטעהען הינטער דעם פאַרהאַנג און איהם בעוועגען יעדעס מאל וואס ער וועט אהין קוקען.

ביז טאָג האט ער שוין מעהר ניט געוואגט אהין צו קוקען. ער האט ניט גע־שלאָפען מעהר, אָבער ער האט ניט אויפגעהויבען זיינע אויגען, ווייל אויסער דעם וואס דער פאַרהאַנג האט זיך בעוואויגען, האט ער אויך געזעהן איהרע נאַקעטע פיס, שטעהענדיג דאָרט, הינטער דעם פאַרהאַנג.

אָבער ווייטער פון דעם פאַרהאַנג, האט דיא ערשיינונג ניט אויסגעזעהען צו געהען. דאָרט איז זיא געבליעבען שטעהען און געהאט איין ארבייט, צו ציטערן מיט דעם פאַרהאַנג, און אמאל אויף קראַמפּפהאַפט בעוועגען מיט א פוס.

און רענארדעט איז געלעגען ציטערענדיג אין בעט, מיט זיינע פינגער פעסט צודריקענדיג דיא דעק, גראָדע וויא אין יענעם טאָג, ווען ער האט צוזאמענגעדריקט איהר האלז. א קאַלטער שוויים איז ערשיענען אויף זיין לייב, דאן א היטץ. דיא פייכטקייט האט זיך אויסגעטריקענט, און א נייער שוויים איז ערשיענען.

ער האט געהערט וויא דיא אוהר האט אויסגעקלאַפּט שטונדע נאך שטונדע, ער האט זיך צוגעהערט צו דער שטילקייט, צו דעם אונהיימליכען שווייגען פון דער נאַכט, און דאן האט ער געצעהלט דיא בעוועגונגען פון דער אוהר — און ער האט אויך געהערט דאס קלאַפּען פון זיין הארצען.

און דער אונגליקליכער האט געליטען אזעלכע קוואלען און שמערצען, וואס קיין מענש האט נאך געליטען!

ווען ער האט פערשטאנען, אז דער טאג איז שוין נאחענט, האט ער גע־וואגט עטוואס ארויסצוקוקען פון הינטער זיין דעק. ערבליקענדיג א ליכטיגען שטרייף פון דיא מארגען־שטראהלען, האט ער זיך געשפירט בעפרייעט, אויסגעלעזט, און ענדליך ווידער אליין אין זיין צימער.

א טיעפער אטהעם־צוג האט אימער בעגלייטעט דיעזעס געפיהל, און פער־מאטערט איז ער צוריק געפאלען אין בעט. דאן איז ער איינגעשלאפען אויף א פאאר שטונדען, אין איין אונרוהיגען און פיעבערהאפטען שלאף, וואו ער האט אפט אין טרוים געזעהען א ווידערהאלונג פון זיינע וואכענדע פאנטאזיען אין דער נאכט. ער האט זיך געווארפען, געוויינט, און געשריען פון שלאף.

ווען ער האט ערוואכט, האט ער געשפירט איין אלגעמיינע ענטקרעפטונג. אונטערדעסען האט ער זיך אנגעצויגען, ארונטער געגאנגען עסען פריהשטיק, און זיך זעהענדיג אונטער מענשען, האט ער זיך געשפירט עטוואס בערוהיגט, אבער, נאך אימער בליקענדיג ערשראקען הינטער זיך, פיעללייכט פערפאלגט איהם יעמאנד.

וויא ער האט אנגעהויבען צו עסען, איז בייא איהם אלעס גמאס געווארען. דיא שרעק פאר איהר האט זאגאר געלעהמט זיין מויל. ער האט זיך געשראקען פאר דער קומענדער נאכט.

דיא קומענדע נאכט! ער איז געוועזן זיכער, אז אלעס וועט זיך נאך אמאל ווידערהאלען.

טראטץ דעם אלעמען, איז ער געוועזן איבערצייגט, אז דאס אלעס איז נאר א פאנטאסטישע ערשיינונג וואס קומט פאר אין זיינע אבגעשוואכטע געהירן, אז טויטע זיינען טויט און קעהרען קיינמאל מעהר ניט צוריק פון דעם פינסטערן קבר. און אלעס וואס ער זעהט, איז א רעזולטאט פון זיין קראנקער נשמה, וואס פלאגט און מארטערט איהם פאר דיז פערברעכען.

ער האט געזעהן אין דער ערשיינונג א וועקערין, איהם צו געבען דיא פרוכט פון זיינע זינד, דיא בעלוינונג פאר זיין פערברעכען.

מאנכע מאל זאגאר, האט ער זיך אויך אויסגעלאכט, אבער דאס אלעס איז געוועזן אומזיסט. ער האט זיך ניט געקענט בעפרייען פון דיא שרעקליכע בילדער און שרעקליכע סצענען.

דאן איז ער געקומען צו דער איבערצייגונג, אז צו דער קראנקהייט פון זיין נשמה, גיבט מעהר קיין רפואה, און ער וועט ניעמאלס לויז ווערען פון דיא שרעק־ליכע עראינערונגען. ער האט בעגריפען, אז וואס מעהר עס וועט דויערן, אלץ גרעסער וועלען ווערען דיא מארטערניסע.

„איך וויל ניט לעבען!“ האט ער זיך געטראכט, און ער האט בעשלאָסען צו שטארבען. אין דעם טויט האט ער געזעהען איין אייבינע ערלעזונג פון דיא קוואלען.

יעטצט האט ער אָנגעפאנגען צו זוכען וויא אזוי דיא ערלעזונג זאָל קומען, דאס הייסט, וועלכען טויט ער זאָל זיך נעהמען.

אָבער דיא וועלט, דיא געזעלשאפט, האט געשפיעלט בייא איהם א גרויסע ראָלע. ער האט ניט געוואָלט יעמאנד זאָל איהם נאכזאגען שלעכטעס, און ער האט דערפאר געזוכט אזא מין איינפאכען אָדער נאטירליכען טויט, וואס זאָל קיינעם ניט ארויף ברענגען אויף דער אידעע, אז ער האט בעגאנגען זעלבסטמאָרד.

דיא עראינערונגען אן זיין פאמיליע, אן זיינע עלטערן, אז זייא האבען זיך אימער געפיהרט און איהם אויך געלערענט זיך צו פיהרען נאך געוויסע אויסגע־שטעלטע רעגעלן, האט איהם זעהר געפלאגט און געמארטערט, נאכדעם ער האט שוין איינמאל פערלעטצט זייער צוואה מיט זיין שווידערהאפטען מאָרד. זייא וויטער פערשעהמען מיט א זעלבסטמאָרד, דיא גאנצע וועלט זאָל וויסען, האט ער ניט געוואָלט.

„דאן,“ האט ער זיך געטראכט, „ווען איך זאָל בעגעהן זעלבסטמאָרד, וועט פאָלגען איין אונטערזוכונג. מען וועט פאָרשען און קלערען, דען קיין מענש זעהט אין וואס פאר איין אורזאכע איך האב צו בעגעהען זעלבסטמאָרד. דאן ערשט וועט מען פאָזיטיוו ענטדעקען מיין הויפט־פערברעכען.“

פלוצלינג איז איהם איינגעפאלען א אידעע — א מערקווירדיגע אידעע, דאס הייסט, ער זאָל זיך לאָזען צערשמעטערן פון א בוים אין זיין וואלד, און צוואר פון דיעזען בוים, אונטער וועלכען ער האט דיא קליינע ראָקע פערגוואלטיגט און ער־מאָרדעט.

אום דיעזען פלאן דורכצופיהרען, האט ער בעשלאָסען צו לאָזען אויסהאקען זיין וואלד, אליין שטעהען בייא דער ארבייט, און וועהרענד דעם, זאָל ער זיך לאָזען צערשמעטערן פון יענעם בוים, און יעדער זאָל מיינען, אז דאס איז נאָר געוועזען א צופאל.

אָבער זיין פּלאַן איז ניט געלונגען. דער בוים זאָגאר האט ניט געוואָלט איהם צערשמעטערן.

און ער האט ווידער צוריק געקעהרט אהיים, איז ער געווען שרעקליך פער־צווייפעלט. דער זעלבסטמאָרד־פּלאַן דורך דעם בוים, איז ניט געלונגען. אָבער ווייטער לעבען, האט ער אויך ניט געקענט.

„איך מוז שטאַרבען !“ האט ער אויסגעשריען צו זיך זעלבסט, און ער האט בעשלאָסען זיך אריין צו יאָגען א רעוואָלווער־קוגעל אין קאָפּ דורך זיין מויל. אָבער דער מוטה דערצו האט איהם געפעהלט.

דיא צייט פון עסען איז געקומען, ער איז ארונטער געגאַנגען, געשפּייזט זיין געוועהנליכע ראָלע און איז דאַן ווידער אריין אין זיין צימער.

ער האט ניט געוואוסט וואס ער זאָל טהון און וואס ער קען טהון. ער האט זיך געשפּירט צו שוואך אום זיין פּלאַן דורכצופיהרען, איבערהויפּט נאכדעם וויא ער האט שוין איינמאל פּראָבירט און עס איז איהם ניט געלונגען.

עס האט זיך איהם אויסגעדאכט, אז ער קריגט צוריק זיין אלטען מוטה, האַרטנעקיגקייט און ענטשלאָסענהייט, און ער איז אימשטאַנדע מיט זיך צו טהון אלעס וואס ער וויל. אָבער אין נעכסטען אויגענבליק האט ער גענוי בעגריפען וויא שוואך און וויא מאכטלאָז ער איז. דיא שרעק פאר דער ערשיינונג, פאר דער טויטער ראָקע, האט פון איהם בערויבט יעדע קראַפט.

„איך טרויע מיר ניט ! איך בין שוואך, ענטקרעפטעט ! איך קען ניט !“ האט ער געשריען צו זיך אליין, בליקענדיג צום רעוואָלווער וואס איז געלעגען אויפ'ן טיש, און טאקי באלד צום פאָרהאנג וואס האט ווידער בעדעקט זיין פענסטער.

דאַן האט ער זיך פאַרגעשטעלט, אז אפילו אין קבר, נאך'ן טויט, וועט ער אויך קיין רוה ניט האבען. עס איז איהם פאַרגעקומען, דאס זאָגאר נאכדעם וויא ער וועט אויפהערען צו לעבען, וועט ער ניט לויז ווערען פון דיא מאַרטערניסע.

נאך מעהר, דאמאלס וועט ערשט פאַרגעהען דאס וואהרע שרעקליכע און שוידערהאַפטע.

אָבער וואס ?

וואס קען פּאַסירען ?

וואס קען זיין דאָרט ?

ווער ווייס ? פיעללייכט וועט ער זיך נאך מוזען בעגעגענען מיט איהר !

„געווים, געווים,“ האט ער זיך געטראכט אין זיינע פערווירדטע געדאנקען, „זיא פאסט מיך אויף, זיא היט מיך אָב, און וואַרט אויף מיר. זיא רופט מיך אהין, דאָרט, אין דעם פינסטערן און אונבעקאַנטען אָבגרונד ..... דאָרט וועט זיא מיך פאַקען, שטאַרק, פעסט, און וועט מיך ציהען צור רעכענשאַפט, פיר נקמה, פיר ישרעקליכע נקמה....“

א קאַלטער שוידער איז געלאָפען איבער זיין לייב.

„אָהנע צווייפעל,“ האט ער ווייטער געברומט, „זיא זוכט מיך, און דערפאַר ציינט זיא זיך אזוי אָפט......“

ער האט אלזאָ שוין געציטערט פאַר'ן טויט, ניט וועניגער וויא פאַר דעם לעבען.

ער האט אָנגעהויבען צו וויינען וויא א קליין קינד, און געשריען:

„איך וואָג ניט! און טרויע מיר ניט!“

דאַן האט ער נאַכגעדענקט און אָנגעפאַנגען צו בעטען:

„הערר גאָט! אלמעכטיגער בעשעפער! האָב דוא רחמנות מיט מיין אָרימער נשמה!“

וויא איז דאס געשעהען? דאַכט זיך ער האט דאָך ניט געגלויבט, אז עס איז דאָ א גאָט אויף דער וועלט?

אָט דיעזע זיינען דיא זאָגענאַנטע אפיקורסים וואס זעהען גאָט, שדים און רוחות אויף זייער שטערבע־בעט. כל־זמן זייא לעבען, גלויבען זייא ניט דערפאַר, וויל זייא זיינען איבערצייגט אין זייער ניט־גלויבען. זייא גלויבען נאָר ניט, ווייל עס פעהלט זייא קיין זאַך און זייא געפינען קיין נויטהווענדיגקייט פון יעמאַנדען צו פערלאַנגען היכּפע. קוים קומט אָבער נאָר איבער זייא א שטורם, דאַן ברעכט צוזאַמען זייער גאַנצע דומהייט, זייער גאַנצע האַרטנעקיגע לעבערליכקייט, און זייא ווערען ויא קריכענדע ווערים.

דאס איז געווען רענאַרדעט און דאס האט בעדייטעט זיין נאַטור מיט זיין אונגלויבען. און ווירקליך, וואס האט אזא נראָביאַן געקענט עפּעס וויסען פון זיין אָדער ניט זיין? דאס גאַנצע לעבען איז געווען א רייהע פון עטיקעטע, מאָדע, פערגניעגען און בעסטיאַלישער גענוס. זיין געהירן איז ניט געווען גרויס גענוג אָדער פעהיג צום דענקען איבער העבערעס פון זיך. ער האט אויך ניעמאַלס געשפּירט א לוסט אָדער אינטערעסע צו וויסען. דיא פראַגע אויב עס איז יא דאָ א גאָט אָדער ניט, האט איהם גראָדע אזוי פיעל אינטערעסירט, וויא צו וויסען אויב אויף'ן יופּיטער טרינקט מען טהעע אָדער ניט.

דאן, איז עס איבערהויפּט פּאַסענדער צו זאָגען, וואָס דיא גרויסע אַפּיקורסישע פילאָזאָפען האָבען בעהויפּטעט. עס קוינט זיך צו הייסען אַ פילאָזאָף, ווען אַפילו אָהן בויכוועהטאָג, אויסער דעם, איז עס גאָר ניט שווער צו לייקענען, און בכל־זמן עס מאַכט אויך לייכטער, לייקענט מען אָב וואָס עס וויל זיך.

אָבער זיין שוואַכער קאָפּ האָט ערשט דערשפּירט זיין דומהייט, ווען דיא צייט פון שרעק און שוידער איז געקומען איבער זיין פערברעכען.

בליקען צום פענסטער? ער האָט עס זיך ניט געטרוימט. דאָרט איז גע־לעגען דיא מאַרטער פון זיין לעבען. בליקען צום טיש? דאָרט איז געלעגען דער רעוואָלווער, וואָס קען איהם פעראורזאַכען דיא מאַרטער נאָך'ן טויט.

עס זיינען פּאַראיבער עטליכע מינוטען, ווען ער האָט ווייטער געברומט:

„אָבער וואָס וועט זיין? וואָס קען ווערען? אַזוי קען עס ווייטער ניט געהן. אונמעגליך! אונמעגליך!“

דער אָבקלאַנג פון זיין שטימע אין דעם לעערען און איינזאַמען צימער, האָט אריינגעטריעבען וויא א קאַלטען ווינט אין אַלע זיינע אָדערן.

אָבער וואָס זאָל ער טהון? דאַרויף האָט ער זיך קיין ענטפער ניט געקענט געבען. ער האָט געוואוסט, אַז ער קען ניט לעבען און ניט שטאַרבען. פאַרקויפיג אָבער, האָט ער זיך געוועהלט איין אויסוועג, און דאָס איז געוועזען אריינצוקריכען אין בעט, זיך גוט איבערדעקען, און ווענינגסטענס אויף א קורצער צייט לויז ווערען פון דיא מאַרטערנישע.

אַזוי ליעגענדיג, איז איהם דאָך איינגעפאַלען, אַז דיא אָבוועקסלונג אליין, פון לעבען ביז טויט, מוז איך מאַכען איין ענדערונג. דער טויט איז איהם אַלזאָ דאָך נאָך ערשיענען אַלס בעסער וויא דאָס לעבען.

ער האָט צו דיזען צוועק אָנגעפאַנגען צו דענקען איבער א מעגליכעס מיטעל וויא צו ענדיגען זיין לעבען, אָבער וואָס עס זאָל איהם צווינגען צו זוכע דעם טויט. ער האָט פערשטאַנען, אַז ער מוז עפּעס טהון, אום זיך זעלבסט צו פער־נאַרען און ער זאָל מעהר ניט קענען לויז ווערען פון דעם טויט.

ער האָט אין יענעם אויגענבליק שטאַרק מקנא געווען דיא פעראורטהיילטע מערדער, וועלכע מען פיהרט, אין דער בעגלייטונג פון סאָלדאַטען, צום שאַפאָט, צו דער גילאָטינע, אום זייא אָבצוהאַקען דיא קעפּ.

„אך!“ האָט ער זיך געטראַכט, „ווען איך זאָל קענען טרעפען יעמאַנדען וואָס זאָל מיך וועלען שיסען, הינריכטען!“

ער האט אָנגעהויבען צו קלערען איבער צווייא אויסוועגען. ערשטענס, וואו ער זאָל פיעללייכט געפינען יעמאַנדען און איהם גוט בעצאָהלען דערפאר ער זאָל איהם ערמאָרדען, אָדער גלאט א גוטען פריינד, וואס זאָל אויף איהם רחמנות האבען און איהם בעפרייען פון דעם לעבען.

„אָבער וואו נעהמט מען אזעלכען?“ האט ער זיך געפרעגט.

ער האט אונטערדעסען באלד אנערקענט, אז דאס איז א נארישער פאָר־שלאַג, וועלכען ער קען ניעמאלס דורכפיהרען.

„וועמען קען איך גאר אזא פאָרשלאג שטעלען?“ האט ער געטראכט. „דומהייטען, עס איז גלאט געפלוידערט.“

דאַן איז איהם איינגעפאלען, אז דער דאָקטאָר וואָלט גאנץ גוט געניטצט צו דיעזען צוועק. ער וואָלט איהם פערגיפטעט, אָהנע ער זאָל וויסען וועןאון וויא אזוי.

אָבער אויך דיעזע אידעע איז צערפאלען געוואָרען. ער האט איינגעזעהען, אז דער דאָקטאָר וועט עס ניט טהון.

פלוצלינג איז איהם אריין אין קאָפּ א אידעע, וועלכע ער האט בעטראכטעט אלס דיא בעסטע און גליקליכסטע.

„א וואונדערבארער געדאנק!“ האט ער אויסגערופען זייענדיג צופריעדען מיט זיך זעלבסט אויף איין אויגענבליק.

דיעזער געדאנק איז נעמליך געוועזען פאָלגענדער: ער וועט אוועק שרייבען א בריעף צום אונטערזוכונגס־ריכטער, מיט וועלכען ער איז זעהר גוט בעקאנט, און אין דיעזען בריעף, וועט ער איהם אלסדינג דערצעהלען, פון אנפאנג ביז צו ענדע, אבשילדערן דאס פערברעכען, וויא אויך דיא קוועלען און שמערצען, און דאַן דער־צעהלען וויא אזוי ער זוכט דעם טויט, און דערבייא וויא ער האט קיין מוטה דאס דורכצופיהרען.

„איך וועל טאַקי איהם אליין פרעגען,“ האט ער ווייטער געטראכט, „וואס פאַר א מיטעל עס איז אָנצו־ווענדען אום לויז צו ווערען פון דיעזער מאַרטערענדע וועלט.“

רענאַרדעט איז געוועזען זיכער, אז דאס איז דער בעסטער פּלאַן.

ער וועט זיך פעררופען אויף זייער אלטער פריינדשאַפט, און איהם טאַקי בעטען, אז ער אָל דעם בריעף צערשטערען, דאמיט קיין פרעמדע זאָלען דערפון ניט ויסען.

„און וואס עס אנבעלאנגט מיר," האט ער געמורמעלט ליעגענדיג אונטער דער דעק, „וועל איך זיין אמט־פליכט ניט שאדען און זיין געוויסען ניט פערלעטצען. וואס איז דער אונטערשיעד? איך בין א פערברעכער און מיר קומט דער טויט. עס מאכט דאך קיינעם קיין חילוק וויא איך וועל קריענען דעם טויט, אבי איך זאל פאר מיין פערברעכען בעצאהלען מיט מיין לעבען."

רענארדעט איז פאלקאמען זיכער געווען, אז פאר דיזען בעאמטען, קען ער זיך גאנץ גוט פערטרויען, דען ער האט איהם געקענט אלס א בראוועך מענש, פערשוויינען און גאנץ אונפעהיג זיין פריינד צו פערראטהען.

דיזער אונטערזוכונגס־ריכטער, לויט רענארדעט'ס רעכנונג, האט געהערט צו יענער קלאסע מענשען, וועלכע האבען איין אייזערנעם ווילען און האנדלען אימער לויט וויא זייער אייגענער פערשטאנד דיקטירט זייא, אימער בעפאלגענדיג זייער עהרענהאפטעס געוויסען.

אבגעמאכט!

אזוי שנעל וויא רענארדעט האט זיך דערצו ענטשלאסען, האט ער געשפירט א מין פרעהליכען טריאומף איבער זיך זעלבסט. ער האט וויא אימער, נאך א גרויסע מארטערניס, טיעף אויפגעאטהעמט.

נאך מעהר, ער האט זיך זאגאר בערוהיגט.

ער האט אנגעהויבען לאנגזאם איבערצודענקען אלע איינצעלהייטען וויא דער בריעף זאל געשריעבען ווערען, און געדענקט, דאס זא שנעל וויא עס וועט טאג ווערען, זאל ער דיזע ארבייט פערטיג מאכען.

ער האט זיך פארגעשטעלט, אז ער וועט אבשרייבען דעם בריעף, אויסרעכענענדיג אלע איינצעלהייטען, צוזיעגלען און אליין אריינוווארפען אין בריעף־קאסטען, וועלכער שטעהט אנגעשלאגען בייא זיין מויער. און נאכדעם, זאל ער ארויף געהען אויף'ן טהורם, דארט ווארטען ביז דער בריעף־טרעגער וועט אנקומען, און ווען דער מאן מיט דער בלויער בלוזע וועט אוועק געהען, דאן....

וואס זאל ער דאן טהון?

ווידער א פרישע אידעע.

ער האט זיך געזעהען אויף'ן טהורם, דארט אויבען, גאנץ הויך, און ער האט זיך פארגעשטעלט, אז באלד נאכדעם זאל ער זיך אביסעל מעהר אריבער בייגען איבער דער פארענטשע, און...... זיך ארונטער שליידערן! ער וועט פאלען מיט דעם קאפ אויף דיא גראנאט־שטיינער וואס בילדען דיא טרעפע, און ער וועט צערשמעטערט ווערען.

איין אויסגע־ייכענטע אידעע!

דאס איז גאנץ לייכט. מען דארף קיין בעזונדערע אנשטרענגונג דאפיר.

דאן האט ער זיך פארגעשטעלט, אז ער מוז זיך פריהער ציינען פאר זיינע ארבייטער, וועלכע זיינען בעשעפטיגט אין אויסהאקען דעם וואלד.

וויא אזוי וועט דאס געשעהען?

אָה, גאנץ איינפאך: ער וועט ארויף שטייגען אויף דיא טהורם־טרעפען, אריעבער קוקען, בלייבען שטעהען, וויטער געהען, ביז מען וועט איהם ער־בליקען.

דיא ארבייטער וועלען פאזיטיוו מיינען, אז ער איז ספּעציעל ארויף, אום פון דארט צו בעאָבאכטען זייער ארבייט. דאן וועט ער שטייגען העכער, בלייבען שטעהן עטליכע מינוטען, און צום שלוס וועט ער זיך ארונטער שליידערן.

דער טויט וועט זיין שנעל און פינקטליך. יעדער איינער וועט דענקען, אז דאס איז נאר געווען א צופאל, און קיינער וועט איהם ניט חושד זיין, אז ער האט בע־גאנגען זעלבסטמאָרד.

גוט, אויסגעצייכענט! עס איז דער בעסטער פּלאן!

ער איז אליין געווען ענטציקט פון זיין אידעע, ענדליך וועט ער האבען זיין ציעל ערדרייכט.

דאס אלעס האט איהם אזוי איבערראשט און אויפגעמונטערט, דאס ער האט געוואגט ארונטער צוווארפען דיא דעק פון זיין קאפ און זיך אויסקוקען אין צימער.

אבער וואס איז דאס?

וואס האט ער געהערט?

וואס האט ער געזעהען?

האט ווירקליך יעמאנד אָנגעקלאפט אין פענסטער?

האט ער ווירקליך געזעהען א בלוט־רויטעס ליכט פארביישוועבען נעבען פענסטער?

ער האט זיין בליק מעהר ניט געקענט אבווענדען. ער איז געצוואונגען געווען צו קוקען. עס האט איהם צוגעהאלטען וויא מיט אייזערנע צוואנגען.

זיא איז אריין דורך דעם פענסטער!

זיא איז עס געווען, דיא קליינע ראָקע!

גאנץ נאקעט!

איהר לייב האט אויסגעזעהען אזוי ווייס, וויא ערשט אויסגעפאלענער שנעע. אָבער דיא ווייסקייט האט זיך געטראגען אויף איין אנדערע מין פארב, עס איז געווען דיא טויטע ווייסקייט.

אויף איהרע פיס, ארויף, העכער פון דיא קניען, האבען זיך געזעהען טונקלע בלוט־פלעקען.

איהרע הענד האט זיא געהאלטען אויסגעשפרייט. איהר געזיכט איז געווען גראדע אזוי בלאס וויא דער גאנצער קערפער, און אָבוואָהל איהרע אויגען האבען געגלענצט וויא צוויא קוילען פייער, איז דאך דאס געזיכט געווען טויט. אויסער עס האט אויף זיך געהאט א שרעקליכע מינע אָדער גרימאסע.

אַט דאָרט איז זיא געשטאנען. צווישעןביידע טהיילען פאָרהענגע, ביים פענסטער.

זיא האט זיך ניט בעוואויגען.

געווענדעט איז זיא געווען אקוראט געגענאיבער איהם.

עס זיינען פאָראיבער היבשע עטליכע מינוטען און זיא איז אלץ אזוי גע־שטאנען אונבעוועגליך.

וואס האט זיא געוואָלט ?

רענארדעט האט פערשטאנען. זיא האט איבער איהם אויפגעפאסט.

דאן האט זיא איינגעבויגען איהרע א האנד און איהם גערופען.

איהר געזיכט האט זיך וויא פערריסען און דער אויסדרוק איז געוואָרען נאך שרעקליכער.

פלוצלינג האט זיא זיך בעוואויגען.

זיא האט זיך א טרייסעל געטהאן.

דאן, וואס איז דאס ?

איהר קליינער קערפער האט זיך אויסגעצויגען, ווייט, ארויף, הויך, ביז ער האט געגרייכט צו דער סטעליע.

אזוי איז זיא געבליעבען שטעהען, ווידער אונבעוועגליך.

דאן האט ער געזעהען, וויא דיא ערשיינונג ציהט זיך נאך העכער. ניט קענענדיג געהן ווייטער פון דער סטעליע, האט ער זיך געצויגען איבער דער סטעליע. יעטצט האט זיך געצויגען דער האלז.

רענארדעט האט געקענט בעמערקען אין דעם אויסגעצויגענעם האלז, דיא צייכען פון זיינע פינגער.

ער האט דאן געבליקט צו דער ערד.

דיא קליינע פיסלעך האבען זיך אויף בעוואויגען. עס האט אויסגעזעהען, גלייך וויא זייא לויפען, מאכען קורצע און שנעלע שריט, וויא דאמאלס נעבען דער ברינדילקע.

פלוצלינג האט ער דערשפירט איהר אויסגעצויגענעם קאָפּ נעבען זיך.

זיינע האאר האבען זיך געשטעלט קאפויר. יעדע האאר איז געוואָרען וויא א נאָגעל אין זיין קאָפּ, און גלייך וויא מיט נאָדלען, האט עס איהם געשטאָכען איבער דעם גאַנצען קערפּער.

„אהו!“ האט ער געמריקעט וויא איין אָקס.

ער האט אויסגעשטרעקטביידע הענד, זיך צו פערשטעלען זיינע אויגען, און געוואָלט צוריק קריכען אין בעט.

פאר זיינע ליפען האט ער געשפירט א קאַלטען הויך און אין זיין מויל האט זיך איהם געדאַכט, אז יעמאנד האט עפּעס אריינגעשטעקט.

פלוצלינג האט ער געשפירט וויא א שטויס אין זיינע פיס. ער האט געוואָלט ענטלויפען פון דעם בעט און איז ארונטער געפאַלען מיט א דומפּפען קראַך.

דאן איז דיא נאַטור געקומען צו הילפע. זיא האט איהם בעפרייעט פון דיא שמערצען, דאן איז ער געבליעבען ליגען אָהנמעכטיג.

אין דיא ערשטע מאָמענטען פון זיין אָהנמאַכט, האט ער געשפירט גלייך וויא מען רייסט איהם פון אַלע זייטען, דאן האט ער געהערט וויא א ווילדע מוזיק רוישט און וויא קאַנאָנען האבען געשאָסען נאהענט פון זיינע אויערן. נאכדעם איז אַלעס שטילער און שטילער געוואָרען און ער איז געבליעבען גאַנץ בעוואוסטלאָז.

ווען ער האט ערוואַכט, איז שוין געווען טאָג.

צעהנטעס קאַפּיטעל.

א העפטיגער קאָפּ־שמערץ האט איהם געמאַרטערט. פאר זיינע אויגען האט עס געבליטצט און געפינקעלט. אין זיינע שלייפען האט עס געקלאַפּט וויא מיט האַמערס.

אָבער דאָך, דער טאָג, דער העללער טאָג, האט איהם ערמונטערט, ערפרישט און בעלעבט.

ער איז אויפגעשטאַנען, און געשפירט, אז זיינע פיס האלטען קוים זיין קערפּער.

ער איז צוגעגאנגען צו דער שיסעל וואסער, זיך אָבגעוואשען זיין געזיכט און קאָפּ. דאס האט עטוואס געשטילט זיין קאָפּ־שמערץ.

דאן האט ער זיך דערמאָהנט אן זיין פעסטען ענטשלוס, צו שרייבען צו דעם אונטערזוכונגס־ריכטער.

ער איז צוגעגאנגען צום טיש, זיך געזעטצט און אָנגעפאנגען צו שרייבען.

קיין זאך האט ער פערגעסען. יעדע איינצעלהייט האט אויפגעלעבט אין זיין פערווירטעם געהירן, און ער האט אָנגעהויבען צו שילדערן דעם ערשטען אנפאנג פון זיין פערברעכען נעבען דער ברינדיללע, דאן וויא אזוי ער האט געשפיעלט זיין ראָלע בייא דער אונטערזוכונג, און צום שלוס זיינע אנגסטען, שרעקען און יעדען קוועלענדען מאָמענט.

דאן האט ער געענדיגט מיט דיעזע ווערטער:

„אָט דאס, מיין פריינד, איז דיא טרויעריגע אויסזאגונג וואס איך האב צו מאכען. מיר דאכט, אז דערמיט איז מיר לייכטער געוואָרען אויף'ן הארצען, און איך וועל קענען דורכפיהרען מיין ענטשלוס מיט מעהר מוטה. איך האב מיך זעלבסט פעראורטהיילט צום טויט, און אייך ערשפארט דיא ארבייט פון אנקלאגע און ווייטערע אונטערזוכונג. אָבער איך בעט אייך, האט אויף מיר מיטלייד, און אין נאמען פון אונזער פריינדשאפט, זאָלט איהר דאריעבער פערגעסען. פערברענט דיעזען בריעף, פערניכטעט איהם, עס זאָל קיין שפור בלייבען און רעטעט מיין נאמען מיט דעם נאמען פון מיין פאמיליע, פון שאנדע און שפּאָט.״

וויא ער האט געענדיגט דעם בריעף, האט ער בעמערקט, אז דיא זונן איז שוין הויך אויפגעגאנגען, און דיא גאנצע געגענד האט ערוואכט.

ער האט זיך אונטערגעשריעבען אויף'ן בריעף, צוגעזיעגעלט, אויפגעשריעבען דיא אדרעסע, דאן איז ער מיט לייכטע שריט ארונטער דיא טרעפען, ארויס אויף דער גאס, צוגעגאנגען צום בריעף־קעסטעל וואס איז געוועזן וויים אָבגעפארבט, און שנעל, ציטערענדיג און שוידערענדיג, האט ער אהין אריין געוואָרפען דעם בריעף.

דאן איז ער צוריק געגאנגען, פערמאכט דעם טויער פון הויף מיט דעם גרויסען ריגעל און איז צוגעגאנגען צום טהורם. ער האט איהם פון אונטען בעטראכט און געמאָסטען דיא שטרעקע וויא ווייט דאס איז ביז ארונטער, און זיך פאָרגע־שמעלט דעם קראך וואס עס וועט געבען, ווען ער וועט ארונטער פאלען.

דאס האט איהם צופריעדען געשטעלט.

ער וועט זיין זיכער טויט און לויז ווערען פון דיא לעבעדיגע מאַטערניסע.

רענאַרדעט האט אָנגעפאנגען צו בעשטייגען דעם טהורם, ביז ער האט גע־רייכט אין מיטען. דאָרט האט ער זיך אָבגעשטעלט אום צו ערוואַרטען דעם בריעף־טרעגער מעדעריק, ווען ער וועט קומען ארויס נעהמען דיא בריעף פון דעם קעסטעל.

יעטצט האט ער זיך געפיהלט רוהיג, ערלעזט און געראַטעוועט! א געפיהל פון א מענשען וואס האט געטהאָן זיין פליכט, האט איהם בעהערשט.

א קאַלטער, טרוקענער און פראָסט־ווינט האט געבלאָזען איבער זיין פלאַ־מענדען שטערן. ער האט דיא לופט איינגעאטהעמט מיט אזא אפעטיט, וויא א דורסטיגער טרינקט וואסער. ער האט געעפענט זיין מויל און אריינגעצויגען דיא קאַלטע פרישקייט אין זיין האלז, לונגען און גאנצען קערפער.

דער הימעל האט איבער זיך געטראגען אין יענעם פריהמאָרגען איין אונהיימ־ליכען קאָליר. עס איז געווען א טיעפע רויטקייט וויא מען קען עס זעהען נאָר אין ווינטער צייט. דיא שטראהלען פון דער זונן, וועלכע האבען זיך דורכגעבראָכען דורך דער רויטקייט, האבען אויסגעזעהן פון זיך צו פערגיסען וויא בלוט איבער דער גאנצער געגענד.

רענאַרדעט איז געשטאנען גראד, וויא א פאַלמען־בוים, מיט'ן נאַקעטען קאָפּ, און געבליקט ארום זיך, אויף דאס ברייטע לאנד, איבער דיא פערוויאנעטע קאַנקעס, דאן צום דאָרף, אויף דיא ווייסע ווענט, קוימענס און דיא רויכען וואס האבען פון דאָרט אויפגעשטיעגען.

ארונטער איז געלעגען דיא ברינדיללע, וועלכע האט געפלאָסען צווישען דיא פעלזען און אין איהר קלאַרעס וואסער האבען זיך אָבגעשפיעגעלט דיא גאָלדענע שטראהלען

דאס ליכט! דאס ליכט! דאס האט איהם ארום געהיעלט, בעגאָסען, אומארמט און ארום גערינגעלט, און איינגעדרונגען טיעף אין זיין ברוסט מיט לעבען, האָפנונג און נייע ערוואַרטונגען.

טויזענדער עראינערונגען האבען אָנגעפאנגען צו ערשטירמען זיינע געדאנקען. ער האט זיך עראינערט אן עהנליכע פריה־מאָרגענס, ווען אזא צייט האט בייא איהם ארויס גערופען פרייד און פערגניגען, גענוס און ליעבע. ער האט געדענקט אן אזעלכע פריה־מאָרגענס, ווען ער פלעגט אויפשטעהן, נעהמען זאָרגענלאָז דיא ביקס אויף זיין אקסעל, ארויסצוגעהען צו דער ברינדיללע, זיך דערנעהנטערן גאנץ

אויפמערקזאם, דאָרט וואו דיא ווילדע קאַטשקעס האבען געשלאָפען, און דאן פער־ברענגען א היבשען טהייל פון דעם טאָג אין שטילען און טרוימערישען גליק.

אל־דאס־גוטע וואס ער האט געליעבט, אלעס וואס דערפרישט א מענשענס לעבען, איז איהם דאמאלס געקומען אין ערשאינערונג, איהם גערייצט מיט א ווילדען בענעהר דאס נאך אמאל צו האבען, וויעדער בעזיטצען, און עס האט אין איהם ערוועקט דיא פאַרשטענדיגע לוסט ווייטער צו עקזיסטירען.

און דאָך מוז ער שטארבען! אזוי האט ער בעשלאָסען!

שטארבען? ווארום?

ווייל ער האט מורא פאר א שאטען? ווייל ער ציטערט פאר איין ערשיינונג? אויס מורא פאר נאר ניט? אויס שרעק פאר א דומער איינבילדונג?

ניין! ניין! ניין!

ער איז נאך רייך און יונג. דיא טויערן פון לעבען שטעהען ערשט פאר איהם אָפען און ווינקען צו איהם מיט לוסט און רייץ.

דאס איז דום און נאריש, ער דארף ניט שטארבען!

ער מוז עפּעס טהון, זיך צערשטרייען, פערטרייבען דיא צייט, אוועק פאָהרען אירגענדוואו אויף א רייזע, זיך אונטערהאלטען, אמוזירען, און דאס איז גענוג. ער וועט דאן פערגעסען, ער מוז פערגעסען!

עס איז געווען נאריש פון זיין זייט אזוי לאנג צו פערבלייבען אין דעם צימער און נאָר זוכען דיא געלעגענהייט דיא קראנקע פאנטאזיען זאָלען איהם פלאגען.

„יא, יא, איך מוז אוועק," האט ער געמורמעלט, „אוועק פון דאנען, און דאן וועט זיא פערבלאָנדזשעט ווערען, זיא וועט מעהר ניט וויסען וואו איך בין.... זיא איז נאָר דאָ, אין דיעזער געגענד, אָבער ניט אויף אנדערע פלעטצער."

דיא ערד איז איבערהויפּט אזוי גרויס, און דיא צוקונפט אזוי לאנג — ווארום שטארבען? ווארום אויפהערען צו עקזיסטירען, פערלאָזען דאס אלעס, און אוועק אין אונגעוויסהייט? וועד וויים וואס דאָרט איז? דאָרט, פון יענער זייט קבר, איז געוויס פינסטער!

זיין בליק האט געוואנדערט איבער דיא פעלדער און איבער דעם אויסגע־טרעטענעם וועג וואס האט געפיהרט צו דער ברינדיללע. דאָרט האט ער עפּעס בעמערקט. עס איז געווען מעדעריק, דער בריעף־טרעגער, וועלכער איז געקומען פון דער שטאָדט מיט בריעף און וועט אויך צוריק נעהמען דיא בריעף וואס מען שיקט אָב.

רענארדעט איז אונטערגעשפרונגען, גלייך וויא א קוגעל וואָלט איהם גע טראָפען אָדער א שלאנג האט איהם געביסען. עס איז געוועזן א געפיהל פון א גרויסען שמערץ וואס האט דורכגעשניטען זיין לייב.

ער האט אָנגעפאנגען באלד צו לויפען אַרונטער, איבער דיא דרעהענדיגע טרעפען, מיט איין אבזיכט און מיט איין ציעל:

„איך מוז צוריק קריעגען דעם בריעף, מיין בריעף!“ האט ער געברומט.

דער פּלאַן, וויא דאס צו טהון, איז געוועזן פערטיג. ער וועט איינפאך אָב־געהמען דעם בריעף פון מעדעריק'ן.

מעדעריק איז צוגעגאנגען צום קעסטעל, אַרױס גענומען א שליסעלע פון זיין קעשענע און געעפענט דאס קליינע טהירעל, אום פון דאָרט ארויס צו נעהמען דיא בריעף וואס דיא דאָרפס־לייטע האבען אריינגעוואָרפען.

רענארדעט איז גראדע דאמאלס ארונטער געקומען.

ער איז צוגעגאנגען שנעל צום בריעף־טרעגער, און מיט זיין גאנצער אנ־שטרענגונג, האט ער זיך געפּאַסט אום ניט צו ציטערן. אָבער עס איז איהם ניט פיעל געלונגען.

„הא, מעדעריק!“ האט ער אויסגעשריען.

מעדעריק האט זיך אומגעקוקט און פריינדליך געשמייכעלט.

„גוט מאָרגען, מעדעריק.“

„גוט מאָרגען, מאָנסיע רענארדעט.“

„דאכט זיך היינט שפּעטער וויא אימער?“

„וואס מיינט איהר?“

„איך מיין, אז איהר זייט געקומען אביסעל שפּעטער.“

„ניין, אקוראט צו דער ריכטיגער צייט, וויא אלע טאָג.“

„הם,“ האט רענארדעט געברומט.

דאן האט איינגעטרעטען א פויזע.

„הערט אויס, מעדעריק,“ האט רענארדעט פּאַרטגעזעטצט. „איך האב ארייג־געוואָרפען א בריעף אין קעסטעל, וועלכען איך וויל ניט אוועק שיקען. איך וויל איהם האבען צוריק. איך וועל אייך דערפאר בעטען, איהר זאָלט אזוי גוט זיין און מיר דעם בריעף צוריק געבען. הא, וואס זאגט איהר?“

„גוט, גוט, מאָנסיע רענארדעט, ווען איהר ווילט, וועל איך איהם אייך צוריק געבען.“

ביז יעטצט איז מעדעריק געווען בעשעפטיגט מיט דיא בריעף. דאן האט ער ויך אומגעקוקט.

ער איז געבליעבען שטעהען דערשראָקען פאר רענארדעט'ס פערענדערטעס געזיכט.

דיא באקען, אנשטאט רויט, זיינען זייא געוועזן בלוי; דיא אויגען, טריב, ווילד און שרעקליך; דער בליק וויא פון א נעיאגטער ווילדע חיה; ארום דיא אויגען ברייטע און שווארצע רינגען; דיא האאר האבען נאכלעסיג און צושויבערט נאכגעהאנגען פון דעם קאָפּ; דיא באָרד אָנגעוואקסען און שווארץ; דאס העמד ביים האלז, אויפגעריסען. מעדעריק האט באלד דערקענט, אז רענארדעט האט ניט געשלאָפען.

„וואס איז מיט אייך, מאָנסיע רענארדעט," האט ער געפרעגט, „זייט איהר קראנק?"

רענארדעט האט פלוצלינג פערשטאנען, אז זיין אויסזעהען מאכט איהם אויפמערקזאם. וויפיעל מוטה ער האט פריהער געפאסט, האט ער יעצט פער־לאָרען.

„הא, וואס פרעגט איהר?" האט ער געמורמעלט.

„זייט איהר קראנק?"

„קראנק? ווער איז קראנק?"

„איך מיין איהר?"

„אה, איהר מיינט אויב איך בין קראנק? ניין, ניין, איך בין ניט קראנק.... פערשטעהט איהר..... יא, איך בין בלויז ארויס פון דעם בעט, ווייל איך האב געוואָלט, פערשטעהט איהר, ארויס נעהמען דעם בריעף.... איך בין געשלאָפען, איהר פערשטעהט...."

מעדעריק האט אויפגעצויגען מיט דיא אקסלען.

ער האט בעמערקט וויא א קאלטער שוידער האט אויפגעציטערט רע־נארדעט'ן. דאן האט ער געזעהען וויא ער האט אָנגעפאנגען אזוי צו ציטערן, אז ער האט געהערט וויא עס קלאפט איהם א צאָהן אן א צאָהן.

איין אונערקלערטער און אונדייטליכער פערדאכט איז ענטשטאנדען אין דעם אלטען סאלדאט מעדעריק.

„נו, אלזא, מעדעריק...." האט רענארדעט געשטאמעלט אונגעדולדיג.

מעדעריק האט געשוויעגען.

„נו, נו, אלזאָ?“ האט רענאַרדעט געדרונגען.

„וועלכען בריעף מיינט איהר?“ האט ער געפרעגט.

„וועלכען בריעף? נו, יא, דעם וואס איהר זאָלט מיר צוריק געבען.“

„דאס פערשטעהע איך, אָבער וועלכען?“

„וועלכען?“

„יא, געוויס, איך האב דאָ א סך בריעף.“

„איך פערשטעה,“ האט רענאַרדעט געזאגט ניט איטשטאַנדע צו זאמלען זיינע געדאנקען.

„איהר מוזט דאָך וויסען וועלכען?“

„יא.“

„ווייסט איהר?“

„יא.“

„זייט איהר זיכער, אז ער איז דאָ?“

„יא.“

רענאַרדעט'ס בענעהמונג, האט מעדעריק'ן מעהר איבעראַשט פון סעקונדע צו סעקונדע. ער האט ניט נאָר בעמערקט איין אויסעראָרענטליכע ענדערונג אין רענאַרדעט'ן, זאָנדערן ער האט איינגעזעהען, אז דיא גאנצע געשיכטע מיט דעם בריעף איז גאר ניט גלאט.

„אין דיעזען בריעף מוז שטעקען א פינסטערעס געהיימניס,“ האט דער בריעף־טרעגער געטראכט. „וואס זאָל דאס זיין? איז עס א פּאָליטישעס גע־הייסניס?“

מעדעריק האט געוואוסט, אז רענאַרדעט איז קיין רעפּובליקאנער, און דערצו האט ער געקענט אלע ועגעז און ווינקלען פון דיא שטימען־אבגעבער. אָבער ווער ווייס? פּיעללייכט האט זיך רענאַרדעט פּלוצלינג אנגעשלאָסען צו א רעוואָלוציאָ־נערער פּארטייא? אלעס קען פּאַסירען.

ער האט געפרעגט:

„ווייסט איהר צו וועמען דער בריעף איז אדרעסירט?“

„צו וועמען?“

„יא.“

„מעגט איהר עס דען וויסען?“

„...“

רענארדעט האט זיך בשום אופן ניט געקענט ערהינערן אויפ׳ן פלאטץ און דער שפראכע וויא זיך אויסצודריקען.

ענדליך האט ער ארויס געשטאמעלט:

„איך וויים, איך וויים...... ער איז אדרעסירט אן מאנסיע פיטאאן, דער אונטערזוכונגס־ריכטער — איהר ווייסט דאך, איהר קענט דאך מאנסיע פיטאאן, מיין פריינד....“

מעדעריק איז געבליעבען שטעהען אונענטשלאסען.

דאן האט ער אנגעפאנגען צו זוכען דעם בעצייכענטען בריעף.

ער האט געהאט א גאנצען פאק. ענדליך האט ער איהם געפונען. ער האט איהם גענומען אין דער האנד, געדרעהט צווישען דיא פינגער, בעטראכט דיא אדרעסע, און איז געבליעבען פערווירט.

צוריק געבען דעם בריעף? מעג ער עס טהון? עס איז דאך געגען דיא פאסט רעגעלן?

ער איז פערווירט געווארען און מורא געהאט פאר אזא שריט.

וואס זאל ער טהון?

ער האט געזעהען צווייא אויסוועגען: ענטוועדער ער זאל בעגעהען א פערברעכען געגען זיינע פליכטען, אדער ער זאל זיך מאכען רענארדעט׳ן פאר א שונא.

ער האט קיין איינציגעס פון ביידע געוואלט טהון.

רענארדעט האט בעמערקט מעדעריק׳ס צעגערונג.

ער איז אליין אויך געווארען זעהר אונגעדולדיג.

אויסשטרעקענדיג זיין האנד, האט עס אויסגעזעהען, אז ער וויל מיט געוואלט אויסכאפען דעם בריעף.

אויב מעדעריק האט ביז יעטצט געצווייפעלט אין דער גרויסער וויכטיגקייט פון דעם בריעף, האט ער זיך באלד איבערציינט, אז דער בריעף ענטהאלטעט געוויס א גרויסעס געהיימניס, וואס קען וויכטיג זיין פיר דער פערזאן צו וועלכער עס ווערט געשיקט.

און דיא פערזאן? איז מאנסיע פיטאאן, דער אונטערזוכונגס־ריכטער! דאס איז קיין קלייניגקייט!

ער האט באלד איינגעזעהן, אז ער וועט בעגעהן א פערברעכען געגען געזעטץ און געגען זיין אמטס־פליכט, ווען ער נעמט דעם בריעף צוריק געבען.

און וואס וועט ער טאקי טהון ווען מען וועט דערפון ערפאהרען? ער קען ניט נאר פערלירען זיין פאסטען, זאנדערן אויך אוועק געשיקט ווערען אין קרימינאל.

ניין! ער טאר דעם בריעף ניט ארויסגעבען. זאל זיין וויאס עס וויל זיך, דער בריעף מוז געהען צו דעם וואס ער איז אדרעסירט געווארען. און רענארדעט? זיין ברוגז ווערען קען איהם וועניגער שאדען וויא דאס פערברעכען וואס ער וועט בעגעהען.

אום צו פערהיטען רענארדעט זאל טאקי דעם בריעף ניט אויסכאפען, האט ער איהם שנעל אריינגעווארפען אין דער לעדערנע טאשע וואס ער האט גע־טראגען בייא זיין זייט.

„וואס איז דאס?" האט רענארדעט געפרעגט ערשטוינט.

„איך האב בעהאלטען דעם בריעף."

„ווארום?"

„וויל איך טאר איהם ניט ארויס געבען."

„אבער דאך, איהר האט דאך מיר פערשפראכען?"

„עס טהוט מיר זעהר לייד, מאנסיע רענארדעט. פון דעם אויגענבליק אן וואס דער בריעף איז אריינגעווארפען אין קעסטעל, געהערט ער צו דעמיעניגען וואס ער איז אדרעסירט געווארע. דאן, ווען עס האנדעלט זיך אום א געריכטליכע אנגעלעגענהייט, קען איך מיך ניט בעמעכטיגען. איך וואלט געזאגט, דאס נאכדעם מאנסיע פיטאאן איז אייער פריינד....."

מעדעריק האט געוואלט זאגען, אז רענארדעט זאל זיך ווענדען צו פיטאאנען אליין און ער וועט בייא איהם גיכער קענען ארויס קריעגען דעם בריעף. אבער ער האט איינגעזעהען, אז דאס איז א נארישקייט און ער האט זיך זעלבסט אונטער־בראכען.

רענארדעט איז אונטערדעסען געבליעבען שטעהען וויא פאראליזירט. א שרעקליכע מורא האט איהם ערגריפען, און ער האט געשפירט, גלייך וויא זיין האלז ווערט צוגעשטיקט. אבער ער האט פערשטאנען, אז עס איז ניט דיא צייט צו שרעקען זיך, זאנדערן האנדלען.

„אבער איהר קענט דאך מיך!" האט ער ענדליך ארויס געשטאמעלט. „דער בריעף איז מיינער; מיין אייגענער; זעהט, איהר וועט גאנץ לייכט דער־קענען מיין האנדשריפט...... נו,ווירקליך, וואס האט איהר מורא צו האבען?

בייא מיין עהרענוואָרט, עס וועט אייך גאר ניט שאדען.... איך דארף זעהר נעטהיג האבען דעם בריעף....״

„איך קען ניט.״

„וואס רעדט איהר, מענש?״

„איך טהו מיין פליכט, מאַנסיע!״

„אָבער, מעדעריק, איהר ווייסט דאָך, אז איך בין אימשטאנדע אייך שלעכטעס צו טהון. ווירקליך, איהר קענט מיך גאנץ גוט.... איך זאג אייך, אז איך מוז דעם בריעף אונבעדינגט האבען!״

„ניין, איך קען ניט.״

מעדעריק'ס געזיכט האט זיך נאך מעהר פערפינסטערט וויא געווען. ער האט נעשפירט זיין צאָרן שטייגען און ער האט אויפגעציטערט פאר אויפ־רעגונג.

„אָבער, מעדעריק, צום טייפעל, גיבט אכטונג וואס איהר טהוט! מיט מיר שפיעלט מען זיך ניט! איהר ווייסט, אז איך האב פיינד שפאס. איך קען אייך ארונטער ווארפען פון דעם פאָסטען, זאָפאָרט, שוין, אפילו אין דיעזען אויגענבליק. איהר קענט מיך גאנץ גוט. איהר ווייסט מיין קראפט. איך בעפעהל אייך, גיבט מיר דעם בריעף! גיבט מיר איהם!״

מעדעריק איז אפילו געווען בעדייטענד צארטער אויף'ן קערפער וויא רע־נאַרדעט, אָבער ער האט זיך געשפירט בכח זיך צו פערטהיידיגען, ווען ער זאָל איהם אָנגרייפען.

אונטערדעסען האט ער געוואָלט פערמיידען סקאנדאל, און אזוי געלאסען וויא נאָר מעגליך, האט ער געענטפערט:

„הערט מיך אויס, מאַנסיע רענאַרדעט. דאס אַלעס וואס איהר זאגט, איז וואהר, אָבער איהר ווייסט דאָך אויך, אז איך בין געווען א סאָלדאַט און קען גוט דיא דיסציפלין. איך, אַלס אונטערגעאָרדנעטער, קען ניט ברעכען דיא בעפעהלע פון מיינע פאָרגעזעטצטע. איהר זייט איין אנדערער מין בעאמטער, וועהרענד דיא פאָסט־בעאמטע, זיינען אויך אנדערע. ווען איך זאָל פערלירען מיין פאָסטען דערפאר וואס איך האב געטהאָן מיין פליכט, דאן בין איך פאָלקאָמען צופריעדען דערמיט. דעם בריעף קען איך אָבער דאָך ניט ארויס געבען.״

רענאַרדעט האט דערבייא פערלוירען יעדע געדולד. ער האט געשפירט דאס בלוט קויפענדיג אין זיין געזיכט און זיינע הענד האבען זיך קראַמפפהאַפט

צוזאמענגעדריקט. ער האט אנגעכאפט מעדעריק'ן ביים ראק און איהם געוואלט ענטרייסען דיא טאשע.

מעדעריק, וויא עס שיינט, איז געוועזען פארבערייט דאפיר, דען ער האט זיך אין אויגענבליק אויסגעריסען און בעפרייעט.

ער איז געבליעבען שטעהען מיט עטליכע שריט ווייטער. דאן האט ער אויפ־געהויבען זיין שווערען שטעקען און געזאגט:

„הערט אויס, מאנסיע רענארדעט, איך לייג אויף אייך כבוד. אבער מיינט ניט, אז איך בין איינער פון דיזע וואס איהר האט געשלאגען. מיך שלאגט מען ניט. פאסט גוט אויף, איך בין אליין אויך ניט קיין שוואכער, און ווען איהר וועט נאך אמאל וואגען מיך אנצוגרייפען, דאן וועט דיזער שטעקען ארונטער אויף אייער קאפ מיט א גרויסען קראך. פאלגט מיך, געהט זיך אייער וועג: לאזט מיך צורוה; איך טהו בלויז מיין פליכט!"

רענארדעט האט געקוקט מעדעריק'ן אין געזיכט און פערשטאנען, אז ער האט צו טהון מיט איינעם וואס וועט זיך ניט לאזען פון איהם איבערוועלטיגען. מעדעריק'ס געזיכט האט אויסגעדריקט מוטה און ענטשלאסענהייט.

דאס האט רענארדעט'ן ענטוואפענט.

איין אויגענבליק איבערדענקען, האט איהם געפיהרט דערצו וואס ער זאל ענדערן זיין טאן, און אנשטאט מיט בייזען, זאל ער פיעללייכט מיט גוטען פראָ־בירען זיין ציעל צו ערגרייכען.

מיט א ניעדריגער, געבראכענער און בעטענדע שטימע האט ער געזאגט:

„אבער, מיין ליעבער פריינד! איהר האט מיך ארויס געבראכט פון געדולד. לאזט זיך רעדען. בעגרייפט, איך ווייס, איהר זייט ניט קיין רייכער מאן, איך וועל אייך דערפאר בעלוינען, איך וועל אייך געבען געלד. אט דא, גיב איך אייך שוין, הונדערט פראנק. פערשטעהט איהר, הונדערט פראנק גיב איך אייך!"

רענארדעט'ס שטימע איז שוין געוועזען שטארק הייזעריג.

מעדעריק, אהנע ער זאל נאך עפעס זאגען, האט ער זיך אומגעווענדעט און אנגעפאנגען צו געהען אין זיין וועג.

רענארדעט איז איהם נאכגעלאפען, סאפענדיג און בעטענדיג.

דאן האט ער ארויס געשטאמעלט:

„מעדעריק, מעדעריק! הערט מיך אויס, מענש! איך בעט אייך, הערט מוך אויס: טויזענד פראנק בין איך בערייט אייך צו געבען, טויזענד פראנק, מענש! הערט מיך אויס, פערשטעהט......"

מעדעריק האט געשוויעגען און איז געגאנגען פאָרווערטס.

אָבער רענארדעט האט איהם אָנגעיאָגט.

מיט זיין הייזעריגער שטימע האט ער געברומט:

„מעדעריק! איך בעט אייך, הערט! איך וויל אייך גליקליך מאכען! איהר הערט — גליקליך מאכען.... וואס איהר ווילט וועל איך אייך געבען...... פערציג טויזענד פראנק.... אָבער גיבט מיר דעם בריעף צוריק.... וואס מאכט עס אייך אויס? — האַ? יאַ? איהר ווילט ניט?.... דאן גיב איך אייך הונדערט טויזענד פראנק...... רעדט, אום גאָטעס ווילען, הונדערט טויזענד פראנק.... פערשטעהט איהר, הונדערט טויזענד פראנק.... הונדערט טויזענד....“

דער בריעף־טרעגער האט זיך אומגעקוקט.

אָבער רענארדעט האט געלעזען זיין ענטפער. מעדעריק'ס געזיכט איז געווען הארט, זיינע אויגען שטרענג.

„אלזאָ, מעדעריק?“ האט רענארדעט געפרעגט פערצווייפעלט.

מעדעריק האט געשפּראָכען.

„יעטצט הערט מיך אויס,“ האט ער געזאגט, „גענוג, מעהר קען איך ניט ערטראגען. ענטוועדער איהר לאָזט מיך צורוה, אָדער איך וועל אלעס דערצעהלען אין געריכט וואס איהר האט מיר דאָ געזאגט. „פאָלגט מיך, לאָזט מיך געהען, איך טהו מיין פליכט....“

רענארדעט האט ווייט געעפענט זיין מויל און איז געבליעבען שטעהען ווי געלעהמט.

אלעס איז שוין געווען צו ענדע.

קיין האָפנונג מעהר!

מעדעריק איז געגאנגען פאָרווערטס.

רענארדעט האט איהם נאכגעקוקט איינער אויגענבליקען, דאן האט ער זיך אומגעווענדעט און אָנגעפאנגען צו לויפען שנעל צו זיין הויז.

אָבער מעדעריק איז געווען נייגעריג זיך נאך אמאל אומצוקוקען. ער האט ערשטוינט בעטראכט רענארדעט'ן ווי ער לויפט צוריק.

וואס קען דאס בעדייטען?

ער האט געזעהען ווי ער איז אריין אין זיין הויף.

מעדעריק איז געווען פעראינטערעסירט. ער האט זיך געמערקט, אז עס מוז עפּעס פּאסירען.

נאכדעם ווי ער איז אָבגעגאנגען עטליכע שריט, האט ער זיך אוועק גע־שטעלט און געקוקט.

פלוצלינג האט ער דערזעהען רענארדעט׳ן ארויף שטייגען אויף׳ן טהורם.

ער איז געגאנגען אָדער געקראָכען שנעל.

ווי א מענש וואס ווערט פון יעמאנדען פערפאָלגט אין א וואהנזיניגען צו־שטאנד, אזוי האט רענארדעט געקלעטערט אימער ווייטער און העכער, ביז ער האט געגרייכט דעם שפיץ.

דאָרט, אויבען, האט געשטעקט א פאהנען־שטאנג, וואו מען פלעגט אויפ־ציהען א פאָהן צו יעדען בעקאַנטען נאציאָנאלען יום־טוב. רענארדעט האט אָנגע־כאפט דיעזע שטאנג און אָנגעפאנגען צו רייסען, מיט דער אבזיכט זיא אָבצוברעכען, אָבער ער האט נים געקענט.

דאן איז ער ארויף געקראָכען אויף דער פארענטשע. דאָרט איז ער גע־בליעבען זיטצען. ער האט זיך אויסגעקוקט ארום־און־ארום, גלייך ווי ער וואָלט געהמען אבשיעד פון דער געגענד.

מעדעריק האט איהם געוואָלט ווארנען פאר אזא געפעהרליכען שריט. אָבער ער איז געווען צו ווייט.

דאן, גראדע ווי א שווימער וואס שפרינגט אריין אין וואסער, מיט זיין קאָפּ און הענד פאָרווערטס, אזוי האט ער זיך ארונטער געשטירצט אין דער ווייטער לופט......

מעדעריק איז געווען אויסער זיך פאר איבערראשונג און שרעק.

דאן איז ער צוגעלאָפען אום צו לייסטען הילפע.

אָבער עס איז געווען צו שפעט.

אונטערדעסען האט ער בעמערקט אייניגע פון דיא האָלץ־העקערס.

ער האט צו זיא געשריען, אז איין אונגליק האט פאסירט.

זייא זיינען צוגעקומען.

אונטען, אויף דיא גראנאט־שטיינער, נעבען דער מויער, האבען זייא אלע געטראָפען דעם פערבלוטיגטען קערפער פון רענארדעט׳ן.

זיין קאָפּ איז געווען צערשמעטערט, און דאס געהירן האט פערשפריצט דיא שטיינער ארום.

....

דיא ברינדיללע האט געפלאָסען רוהיג און שטיל. דיא לבנה האט זיך אין איהר געשפּיעגעלט אזוי געמיטהליך וויא אימער.

רענארדעט'ס זעלבסטמאָרד האט וויא געמאכט א גענען־ווירקונג צו דעם גע־היימניספּאָלען טויט פון דער קליינער ראָקע. מען האט שוין געשפּראָכען איבער רענארדעט'ן, און איהר האט מען פערגעסען.

ניעמאנד האט בעגריפען דיא אורזאכע פון זיין זעלבסטמאָרד.

צור צי ט וואס מעדעריק האט איבערגיגעבען דעם בריעף אין פּאָסט־אמט, האט ער דאָרט דערצעהלט וואס רענארדעט האט מיט איהם געהאט פאר זיין שרעקליכער טהאט.

מאָנסיע פּיטאָאן האט דעם בריעף ריכטיג ערהאלטען.

ער האט יעדען מיטגעטהיילט, אז דער בריעף איז פון קיין וויכטינקייט. נאָר ער אליין האט געוואוסט וואס עס האט פּאסירט. און וואהרער פריינדשאפט האט ער געהאלטען דיא צוואה פון דעם אונגליקליכען מערדער און דאס ניט בעקאנט געמאכט אין געריכט־הויז.

ענדע.

טוביה חייקעל שלים־מזל.

א בוך פול מיט הומאר.

פון א. ד. אגוז.

דער פערפאסער פון „חנה פעסיל'ס מענה־לשון", האט אונז יעצט מיטגעטיילט מיט א נייע ווערק וועלכע הייסט „טוביה חייקעל שלים־מזל". אין דיזע ווערק גיט ער אונז א טיפ פון א רוהיגען און געלאסענעם מענשען, וועלכער איז צופריעדען מיט גאט'ס וועלטעל און מיט אלעם וואס אויף איהר איז, און אויף אלע אונגליקען און פורעניות'ן וואס אויף איהם קומט, זאגט ער „גם זו לטובה". ער שרעקט זיך פאר קיין זאך נים אפ און ווערט אויך פון קיין זאך נים איבערראשט; ער קוקט אויף אלעם גלייכגילטיג, ער איז נים פערזארגט און נים פערחשוועט, ער איז נים קיין אין להעשיר, ער וויל נים נעהמען דאס גליק מיט גוואלד, ער טהוט זיין ארבייט און פיהרט זיין ביזנעס גאנץ געלאסען, טרייעט זיין בעסט אויף א געזעצליכען וועג צו מאכען אן ערפאלג, און ווען עס געהט שלים־מזל'דיג ווערט ער נים פערצווייפעלט און זוכט עפעס אנדערש. ביי איהם איז נים דאס, איז יענעס, איז נים היינט, איז מארגען, איז נים היי־יאהר, איז איבער א יאהר. ער גיט קיין מאהל זיין האפנונג נים אויף.

„טוביה חייקעל שלים־מזל"

האט זיין נאמען „שלים־מזל" כשר פערדיענט, ווייל ער איז נעבאך א שלים־מזל פיעלייכט איינער אין דער וועלט, עס איז גאר זיין גלייכען נישטא. צו וואס ער נעהמט זיך און וואס ער טהוט און עס דוכט זיך אז אט, אט ווערט ער שוין אן עושר, לאזט זיך דערפון אויס א בוידעם, ער טהוט — דוכט זיך — גלייך און עס לאזט זיך אויס קרום, עס פאלט אלעם ביי איהם מיט די פוטער אראפ.

„טוביה חייקעל שלים־מזל"

איז א בוך פול מיט הומאר און וויטץ, אבער אין דער זעלבער צייט איז דאס אויך א קריטיק איבער אונזערע איינגעוואנדערטע ברידער, וועלכע האפען זיך אלע ווייל צו אנדערע פרנסות.

קויפט און לעזט דיזען בוך און איהר וועט זיך גוט אמוזירען, אויב איהר האט הנאה געהאט פון דעם פערפאסערס ערשטען בוך „חנה פעסיל'ס מענה־לשון", וועט איהר יעצט מעהר הנאה האבען פון זיין צווייטען בוך „טוביה חייקעל שלים־מזל".

פרייז 50 סענט.

צו בעקומען אין אלע בוכהאנדלונגען ווי אויך ביי די פערלעגער:

50-52 Eldridge St., New York

גאבריעלא ד'אנונציא'ס ערצעהלונגען

איבערזעצט אין אידיש פון מ. זילבערמאן.

גאבריעלא ד'אנונציא איז דער גרעסטער רעאליסטישער שרייבער פון איטאליען און זיינע ווערק זיינען איבערזעצט געווארען אין אלע איראפעאישע שפראכען, אין איניגע לענדער זיינען מאנכע פון זיינע ווערק פערבאטען געווארען צו דרוקען, ווייל זיי זיינען זעהר רעאליסטיש געשריעבען.

„גאבריעלא ד'אנונציא'ס ערצעהלונגען", וועלכע מיר האבען יעצט ארויסגעגעבען ענטהאלט די פאלגענדע צעהן ערצעהלונגען, וועלכע זיינען די בעסטע וואס ער האט געשאפען, נעמליך:

1	די אלמנה.	6	אן אידיליא.
2	אונטער'ן רעגען.	7	ארסאלא.
3	סינאר פעפא.	8	דער איבערשיפער.
4	טאטא.	9	מונזשיא.
5	עפיסקאפא.	10	אננא'ס לעבען.

דאס בוך איז שעהן געדרוקט און פראכטפאל געבונדען.

פרייז בלויז 85 סענט

(פארטא פריי)

HEBREW PUBLISHING COMPANY

50-52 Eldridge St., New York.

דער וועלט־בעריהמטער בוך

אנקעל טאם'ס קעבין

פון הערריעט ביטשער סטאו

איז יעצט איבערזעצט געווארען אין אידיש

פון י. יאפפא.

דיעזער בעריהמטער בוך האט מיט פופציג יאהר צוריק אויפגעשטורמט די גאנצע וועלט און האט געפיהרט צו דער אבשאפונג פון דער שקלאווערייו וועלכע האט דאן עקסיסטירט אין אמעריקא.

אין „אנקעל טאם'ס קעבין" ווערט גענוי און פינקטליך געשילדערט דער גאנצער העסליכער האנדעל וואס עס איז אנגעגאנגען אין אמעריקא מיט די שווארצע שקלא־ווען, ווי מען האט זיי געקויפט און פערקויפט אזוי ווי בהמות.

מען פלעגט פערקויפען א פאטער פון א פאמיליע, א מוטער פון קינדער, קינדער פון עלטערן און שוועסטער פון ברידער, מען האט ניט געוואוסט פון קיין רחמנות, מען האט ניט געקוקט אויף טרעהרען און מען האט זיך ניט צוגעהערט צו קיין וויינען.

מען פלעגט אויך פערקויפען א מוטער צו איינעם און איהר קינד צו איין אנ־דערן, און די שיידונג צווישען מוטער און קינד איז געווען הימעל־שרייענד.

מען פלעגט מיט זיי ארבייטען אזוי ווי מיט פערד און זיי שלאגען גאר אהן ערבארמונג.

מען פלעגט זיי שמייסען ביז בלוט און נאכדעם אויסוואשען זייערע וואונדען מיט עסיג און זאלץ, אז דער בראנד זאל ניט צופאלען.

יונגע שקלאווינס פלעגען בערויבט ווערען פון זייער עהרע און געטריבען ווע־רען צו פערדיענען שאנד־געלד.

דיעזע גרויל־טהאטען, וועלכע זיינען דורך דיעזען בוך בעקאנט געווארען, האבען ארויסגערופען א שטורם אין דער גאנצער וועלט, און האבען געבראכט צו דער בירגער־קריעג און צו די אבשאפונג פון דער שקלאווערייו.

„אנקעל טאם'ס קעבין" איז ארויסגעגעבען געווארען אין א פראכט־אויסגאבע. א גרויסע צאהל בילדער קומען אין בוך אריין, וועלכע שטעלען פאר די פערזאנען און די סצענעס, וועלכע ווערען דארטען געשילדערט, און דאס מאכט דעם בוך אוי־סערגעוועהנליך רייך און שעהן.

א פראכט־אויסגאבע פון „אנקעל טאם'ס קעבין" אין אנדערע שפראכען קאסט ניט ווייניגער ווי 2 דאלאר. אונזער פרייז פיר א פראכט־אויסגאבע אין אידיש איז

בלויז $1.50

(פארטא פריי).

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

50-52 Eldridge St. **New York.**

די בערימטע ווערק פון דעם אלט-נייעם אידישען קלאסיקער
דער ריז פון דער אידישער ליטעראטור

ש. י. אבראמאוויטש

באוואוסט אלס

מענדעלע מוכר ספרים

אין א גאנץ נייער פראכט אויסגאבע, עלעגאנט געבונדען אין 10 בענדער

די אידישע ליטעראטור האט פראדוציבט פיעלע גרויסע שרייבער אבער מענדעלע פארנעהמט דעם אויבען אן מיט זיין ארגינאליטעט, ער איז געווען דער ערשטער, דער פאטער פון אידישע קלאסיקער פון וועמען עס זאבען געשעפט און וועלען שעפפען די אלע נאכקומענדע אידישע שרייבער און דיכטער. ער איז געווען דער לייכטענדער שטערען וועלכער האט מיט זיין שארפע, אייגענארטיגע, הומאריסטישע קריטיק באלויכטען און אויפגעקלערט די אידישע פאלקס מאססען ארונטער צוווארפען פון זיך דעם יאך פון זייערע אייגענע אונטערדריקער, — וועלכע האבען גערימען אויפ'ן אידישען פאלק, און מיט זיין שארפע פעדער ארונטער געריסען די מאסקע פון די אידישע כלל טהוער און בעלי טובות, וואס האבען געשונדען די הוים פון דעם ארימען פאלק ישראל, און געמאכט זיין לעבען אין ליטא און פוילען א גלות אין א גלות.

א פאלשטענדיגע אויסגאבע פון מענדעלע מוכר ספרים, געדרוקט אויף פיינע בוך-פאפיר, און ארטיסטיש געבונדען אין 10 בענדער, איז יעצט ערשינען וועלכעס איז א צירונג פאר יעדע אידישע הויז אדער לייברערי.

אום צו געבען די מעגליכקייט יעדען איינעם זיך איינצושאפען דיזען אוצר פון ליטעראַרישע פעריל אין זיין הויז, האבען מיר געשטעלט דעם פרייז פון מענדעלעס ווערק אין 10 בענדער פאר

בלויז 15 דאללאר א סעט

צו באקומען ביי אלע בוכהענדלער, ווי אויך ביי

Hebrew Publishing Company

50-52 Eldridge Street **New York**

זשול ווערן'ס געוועהלטע ווערק

אין 12 דיקע פראכטפאלע בענדער

זשול ווערן איז בעריהמט אלס אינטערעסאנטער און וויסענשאפטליכער ערצעהלער, ווייל אין זיינע ראמאנען און ערצעהלונגען מאכט ער דעם לעזער בעקאנט מיט פאקטען פון דער וויסענשאפטליכער וועלט, און ערהאבענע בילדער פון א שעהנע צוקונפט ווען די מענשהייט וועט ערדייכען א העכערע שטופע פון ציוויליזאציאן און בילדונג, שטעלט ער איהם פאר.

זשול ווערן'ס רייזע בעשרייבונגען, וועלכע מאכען בעקאנט דעם לעזער מיט פערשיעדענע לענדער און פעלקער, ווי אויך מיט פערשיעדענע ים־ברואים און ים־ערשיינונגען האבען בעגייסטערט די גאנצע לעזענדע וועלט.

זשול ווערן איז געווארען גרויס און בעריהמט דאדורך וואס ער ענטדעקט פאר'ן לעזער אין זיינע ערצעהלונגען די אוצרות פון דער נייעסטע וויסענשאפט גאנץ לייכט אהן שווערינקייט, בלויז פארביי־געהענדיג, ער דערצעהלט איהם אן אינטערעסאנטע און שפאנענדע ערצעהלונג פון וועלכע ער קען זיך ניט אפרייסען לעזענדיג, און אין דערזעלבער צייט מאכט ער איהם אויך בעקאנט מיט די נייעסטע וויסענשאפטליכע ענטדעקונגען.

זשול ווערן'ס ווערק זיינען איבערזעצט געווארען אין אלע אייראפעאישע שפראכען און זיינען ביי אלע ציוויליזירטע פעלקער מיט גרויס בייפאל אנגענומען געווארען.

זשול ווערן'ס געוועהלטע ווערק

וועלכע מיר האבען יעצט ארויסגעגעבען, זיינען די בעסטע וועלכע ער האט געשריעבען, זיי ענטהאלטען צוזאמען ביינאהע

5000 פיידזשעס

געדרוקט אויף דעם בעסטען פאפיער און שעהן געבונדען אין קלאטה־באנד.

פרייז $15.00

(פארטא פריי).

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

50-52 Eldridge St., New York.

זאלא'ס געזאמעלטע ווערק

אין 4 בענדער

עמיל זאלא איז דער גרעסטער מייסטער פון דער רעאליסטישער שולע, דער גרעסטער קענער פון דער מענשליכער נאטור, און דער גרעסטער מאהלער פון דער מענשליכער נשמה.

עמיל זאלא'ס ראמאנען און ערצעהלונגען וועגען ליעבע, הייראטה און פאמיליען-לעבען זיינען אמת'ע מייסטערווערק און פארנעמען דעם אויבענאן אין דער וועלט-ליטעראטור.

די 4 בענדער ענטהאלטען די פאלגענדע 15 ווערק וועלכע זיינען די בעסטע וואס ער האט געשריבען:

1. פאריזער דאמען
2. ליעבעס נאכט
3. דארפס מיידעל
4. די מענשליכע בעסטיעס
5. היינט מאדישע חתונות
6. היינט מאדישע קבורות
7. לעבען און טויט
8. די בלוטיגע חתונה
9. נאנטאס
10. פרויען ליעבע
11. א גלח'ס זינד
12. ווייבערשער גן-עדן
13. דער טויט שלעגער
14. נאנא
15. דער פערגיפטעטער קוס.

געדרוקט אויף גוטען פאפיר און פראכטפאל געבונדען

פרייז 5 דאלאר

HEBREW PUBLISHING CO., 50-52 ELDRIDGE ST., NEW YORK.

פאמיליען קאך־בוך

א פאלשטענדיגעס קאך־בוך
ספעציעל פאר די אידישע קיך

באארבייט נאך אמעריקאנישע, פראנצויזישע, איטאליענישע און דייטשע קאך־ביכער.

אויך אן ענגלישע אבטיילונג פאר אידיש־אמעריקאנישע פרויען ווי צו קאכען

עכט אידישע מאכלים

פון ה. ברוין

ענטהאלט 416 זייטען, געדרוקט אויף עקסטרא גוטען פאפיר, געבונדען אין פיינעם סילק־קלאטה

פרייז $1.50

צו בעקומען ביי אלע בוכהענדלער ווי אויך ביי די פערלעגער

היברו פאבלישינג קאמפאני

50־52 עלדרידוש סטריט, ניו יארק

דאָקטאָר-בוך

פון דר. ב. דובאָווסקי

א נייער פאָלשטענדיגער דאָקטאָר-בוך וואָס באהאַנדעלט אַלע סאָרטען קראַנקהייטען, פון א קינד ביז אַן עלטערען מענשען, און אין יעדען פאַל ווערט גענוי באַשריבען ווי אַזוי מען קען זיך דערפון אויסהיטען, און וואָס צו טהאָן ווען מען האָט זיך ניט אויפגעהיט.

ווי אויך צו לייסטען די ערשטע הילף אין אַן אונגליקספאַל איידער דער דאָקטאָר קומט, ווי צום ביישפּיעל, ביי א פאַרגיפטונג, א דערוועריגונג, געז איינאַטעמונג, בלוט־שטורץ און ז. וו. וואו דאָס לעבען פון מענשען איז אין סכנה, און עס מוז גלייך אויפ'ן שטעל עפּעס געטהאָן ווערען און ניט וואַרטען ביז דער דאָקטאָר קומט, ווייל ביז וואַנען דער דאָקטאָר קומט קען שוין זיין צו שפּעט.

דער דאָקטאָר-בוך איז איינגעטהיילט אין די פאָלגענדע 4 טהיילען:

1טער טהייל: קראַנקהייטען און ווי זיך פון זיי אויסצוהיטען, די אורזאַכען, סמנים און רעזולטאַטען פון די מעהרסטע קראַנקהייטען צו וועלכע א מענש איז אונטערוואָרפען.

2טער טהייל: מוטער און קינד, וואָס יעדע מוטער דאַרף וויסען וועגען זיך און ווי אַזוי צו ערציהען איהרע קינדער.

3טער טהייל: איידער דער דאָקטאָר קומט, ווי צו לייסטען די ערשטע הילף אין אַן אונגליקספאַל איידער דער דאָקטאָר קומט.

4טער טהייל: דער מענש און זיין קערפּער, א פּאָפּולערע ערקלערונג וועגען דער געביי פון מענשליכען קערפּער, זיינע באַזונדערע אבריםן און די אויפגאַבע וואָס יעדע פון זיי האָט צו ערפילען.

פּרייז פון אַלע 4 טהיילען פיין געבונדען 10 דאָלער

צו באַקומען ביי אַלע בוכהענדלער, ווי אויך ביי

HEBREW PUBLISHING CO., 50-52 ELDRIDGE ST., NEW YORK

פּאָליטישע עקאָנאָמיע

איהר ענטשטעהונג און געשיכטע

פון א. ש. זאַקס.

פּאָליטישע עקאָנאָמיע איז די וויסענשאַפט פון דעם מענשען'ס שאַפען און ווירקען, האנדלען און וואנדלען ווען ער איז צוזאמען מיט נאָך אנדערע אין געזעלשאַפט.

פּאָליטישע עקאָנאָמיע איז די לעהרע פון די געזעלשאַפטליכע ווירטהשאַפט, זי לערענט דעם מענשען ווי ער זאָל ארבייטען און ווי ער זאָל זיין ארבייט בעסער אויסנוצען.

פּאָליטישע עקאָנאָמיע לערענט ווי אזוי אלע זאכען וועלכע זיינען נעטהיג צום מענשען'ס לעבען ווערען פּראָדוצירט, ווי אזוי זיי ווערען פאר־נאנדער געטהיילט און ווי אזוי זיי ווערען פערברויכט.

ווילט איהר וויסען ווי אזוי די געזעלשאַפטליכע ווירטהשאַפט פיהרט זיך יעצט?

ווילט איהר וויסען ווי אזוי די געזעלשאַפטליכע ווירטהשאַפט האָט זיך אמאָל געפיהרט אין די אלטע צייטען?

ווילט איהר וויסען ווי די געזעלשאַפטליכע ווירטהשאַפט דארף ווערען געפיהרט צום וואָהל און בעסטען פון דער גאנצער מענשהייט?

ווילט איהר וויסען וואָס עס הייסט געזעלשאַפט?

ווילט איהר וויסען וואָס עס איז דעם מענשען'ס אויפגאבע אין דער געזעלשאַפט?

ווילט איהר וויסען ווי אזוי זיך צו מאַכען ניצליך אין דער געזעלשאַפט?

ווילט איהר וויסען וואָס עס הייסט פּראָטעקשאָן און פרי טרייד?

ווילט איהר וויסען וואָס עס הייסט קאַפּיטאַליזמוס און סאָציאַליזמוס?

דאַן קויפט און לעזט „די פּאָליטישע עקאָנאָמיע" פון א. ש. זאַקס, וועלכע איז יעצט ביי אונז ערשיענען אין א פּראַכט־אויסגאַבע און ווערט פערקויפט צו א ספּעשעל ביליגען פרייז פון

פרייז בלויז $1.50

(פּאָרטא פריי).

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

50-52 Eldridge St., New York.

אלעקזאנדער מעטהאָדע

פון אלכסנדר הארקאווי

איז א ניצליכער בוך גרינדליך אויסצולערנען די ענגלישע שפּראַכע.

א בוך פון 600 זייטען.

זיין ריכטיגער פּרייז אין אלע שפּראַכען איז 3 דאלאר,
אין אידיש — נור $ 2.00

אַלענדאָרפ׳ס מעטהאָדע איז אַנערקענט אין דער גאַנצער וועלט פיר דיא בעסטע, ווייל דיא פּראַקטיק האָט בעוויזען, דאָס זיא איז זעהר לייכט און גוט פיר יעדען וואָס וויל זיך אויסלערנען דיא ענגלישע שפּראַך אָהן א לעהרער.

אלענדארפ׳ס מעטהאָדע

איז אויף אַזא אַרט, דאָס דיא שפּראַך איז איינגעטהיילט אין לעקציאָנען, אין יעדער לעקציאָן קומען פאָר ווערטער, געשפּרעך און גראַמאַטישע רעגעלען.

פאָר דיא לעקציאָנען קומט א בעזונדערע אַבטהיילונג צו לערנען זיך לעזען און ספּעלען. אום די ווערטער און גראַמאַטישע רעגעלן זאָלען מעהר פערשטארקט ווערען אין דיא געדאַנקען, ווערען אַם ענדע פון יעדען לעקציאָן געגעבען שטיקער לעזע־שטאָף צום איבערזעטצען. דיא זעטצע פון דיא שטיקער לעזע־שטאָף, זיינען צוזאַמענגעשטעלט פון דיא ווערטער, וואָס זיינען פריהער פאָרגעקומען. דער לערנער וועט זיי קענען איבערזעטצען. יעדע שטיק לעזע־שטאָף טראָגט א נומער.

צום לעהר־בוך קומט א בעזונדער בוך, א שליסעל, וואָס ענטהאלט דיא ריכטיגע איבערזעטצונג פון יעדען זאַץ. די איבערזעטצונגען זיינען בעצייכענט מיט די זעלבע נומערן וויא די שטיקער לעזע־שטאָף בייא דיא לעקציאָנען; דער שיללער קען אַלזאָ מיט׳ן שליסעל אָבשטימען אויב זיין איבערזעצונג איז ריכטיג אָדער ניט.

אלענדארפ׳ס מעטהאָדע איז איינגעטהיילט אין

78 לעקציאָנען.

דיא אַבטהיילונג צו לערנען זיך לעזען, איז זעהר פּראַקטיש. דיא רעגעלן ווערען ערקלעהרט איינפאַך און דייטליך. אין דיא לעקציאָנען ווערט געגעבען דיא אויס־שפּראַכע פון יעדען ענגליש וואָרט מיט אידישע בוכשטאַבען.

דאָס בוך ענטהאלט איבער 600 זייטען אין גרויסען פאָרמאַט און עלעגאַנט געבונדען.

פּרייז 2'00 דאלאַר.

צו בעקומען בייא אלע בוכהענדלער, וויא אויך בייא דיא
Hebrew Publishing Co., 50-52 Eldridge St., New York.